STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07339

LEYENENDIK PERETSN

Josef Wolf

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף וואָלף

לייענענדיק פּרצן

די הכנסה פונעם בוך איז באשטימט פאר
דער הילפס־ארבעט פונעם פוילישן יידנטום

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

באַנד

35

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פון בוך

יוסף וואָלף

לייענדיק פרצן...

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס איירעס, 1948

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by
JOSEF WOLF, París

Josef Wolf

LAINENDIK PERETZN...

(J. L. PERETZ)

Buenos Aires, 1948

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
Industria Argentina

אינהאלט

פון דער רעדאקציע — 7
פון דעם מחבר — 9
ארײנפיר — 17
I דער לבוש פון פרצעס געדאנק — 21
II שטומע נשמות — 27
III די דערציילונג פון דער נשמה — 35
IV דאָס ליד אין פּראָזע — 48
V ווען פּרצעס בלוט צעבליט זיך... — 53
VI ליריק און עפּיק גיבן זיך די הענט — 57
VII קונסט איז אמת — 62
VIII גאָט איז אָנוועזנט — 67
IX פּראָמעטעאוס זוכט זיינס גלייכן — 72
X עאוטערפּע איז טרויעריק... — 76
XI מוח + הארץ = פּרץ — 82
XII ליטעראטור און לעבן — 88
XIII דער חכם שמייכלט — 92
XIV סוב ספּעציע עטערניטאטיס — 96
רשימה פון דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום" — 102
פּרעסע שטימען — 104

* * *

אין בערלין איז יוסף וואָלף געבוירן און דערצויגן געוואָרן, אָבער דעם קוואַל פון יידישן וויסן האָט ער אין זיך איינגעזאַפּט אין דער מירער ישיבה. פון דאַנען איז ער אַוועק קיין פראַנקרייך שטו־דירן און דאַן געקומען אין דער אַלטער פּוילישער שטאָט קראָקע, ווו דאָס יידישקייט און וועלטלעכקייט זענען ביי אים צונויפגע־שמאָלצן געוואָרן אין איין גאַנצקייט.

זיינע ערשטע צוויי ווערק: „קריטישע מיניאַטורן" און „פּסיכישע פּאָרטרעטן" זענען דערשינען אין קראָקע ערב דעם אויסברוך פון דעם וועלט חורבן.

ש. קאַטשערגינסקי האָט אין אַן אַרטיקל, געדרוקט אין פּאַריזער „אַרבעטער־וואָרט", איבערגעגעבן פאָלגנדיקע פּרטים וועגן יוסף וואָלפן:

„ווען עס איז געקומען די צייט, האָט אויך יוסף וואָלף פאַר־וואַנדלט זיין פען אויף א ביקס. שוין אין 1941, שטענדיק אין נאָענטער פאַרבינדונג מיט די ציוניסטישע יוגנט אָרגאַניזאַציעס „דרור" און „עקיבא", רעדאַגירט וואָלף די ערשטע יידישע גע־היימע צייטונג אין קראָקע. צוזאַמען מיט לאַבאַן, שמעון דרענ־גער און באָלעק ליבעסקינד איז יוסף וואָלף דער פאַרטער וועלכע גרינדן די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין קראָקע. דעם 18טן מערץ 1943 ווערט אַרעסטירט די לעצטע גרופּע פון 9 קעמפער פון אָט דער אָרגאַניזאַציע. וואָלף איז צווישן זיי. די קעמפער ווערן געהאַלטן 4 וואָכן אין דער ערגסטער דייטשער תפיסה פון דער גענעראַל גובערניע — אין קראָקעווער מאָנטעלופּי.

זיי ווייסן, אז מער די פרייהייט ווען זיי שוין נישט זען, אָבער די צייט וואָס עס קומט נאָך אוים צו לעבן נוצן זיי דערווייל אוים אין גייסטיקער דערהויבנקייט. זיי אָרגאניזירן קורסן. וואָלף האלט פאר זיי א ציקל רעפעראטן וועגן די נביאים וועגן פּרצן. מאַנטעלופּי איז אָבער בלויז אן אָנהויב, עס קומט אין קורצן אָשוויענטשים..."

אין זיין קורצער איינלייטונג צו דער דאָזיקער ארבעט דער־ציילט יוסף וואָלף „טרוקן, קורץ און פּשוט" ווי אזוי זיין ווערק איז געשאפן געוואָרן און ווי אזוי עס האָט „איבערגעלעבט" די נאצישע אָקופּאציע.

די טרוקענע, קורצע און פּשוטע פּרטים זענען אליין פאר זיך א גאנצע עפּאָפּיי.

„לייענענדיק פּרצן"... איז דעריבער נישט בלויז א ווערטפולער ביישטייער צו דער פּרץ־פאָרשונג, נאָר עס איז אויך א דאָקומענט, וואָס באשטעטיקט דעם שטארקן דראנג פון די יידישע מאסן אין אָקו־פּירטן פּוילן ממשיך צו זיין דאָס יידישע קולטור־לעבן און יידישע קולטור־שאפן. סיי צוליב דער ליטעראריש־קינסטלערישער באדיי־טונג, סיי אויך צוליב דעם דאָקומענטאלן כאראקטער פון דעם ווערק, וואָס איז געשאפן געוואָרן אין די שווערסטע צייטן פון דער נאצישער אָקופּאציע אין קראָקע, האָבן מיר געהאלטן פאר נויטיק צו פאַר־עפנטלעכן די דאָזיקע ארבעט אין דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום".

די רעדאקציע

בוענאָס־איירעס, יוני 1948.

* * *

אַ סך האָט מען שוין געשריבן וועגן יידישן מאַרטירערטום פון יענע טעג, ווייניקער וועגן דער העלדישער האַלטונג פון יחידים, אָדער אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד פון קאָלעקטיוון — אָבער גאָר ווייניק ווייסט מען וועגן דער גייסטיקער אימוניטעט, וועגן דעם קולט פון יידישע יינגלעך, פרויען אָדער זקנים פאַר אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט אַ ספר, מיט אַ געלערטן, שרייבער אָדער קינסטלער.

ווי פאַרשטענדלעך איז דאָס געווען פאַר יעדן, ווען אין די ערשטע אָקופּאַציע־טעג האָט מען צווישן אונדז, קראָקעווער אידן, דערציילט, ווי אַ פשוט יינגל פון דער גאַס — וואָס האָט קיינמאָל נישט געהערט צו קיין אָרגאַניזאַציע, נישט געדאַוונט אין קיין בית המדרש, נאָר אפשר אין די קינדער יאָרן געלערנט אַלף־בית אין חדר — האָט זיך געלאָזט דערשיסן, ווייל ער האָט נישט געוואָלט שענדן אַ ספר תורה; פרומע האָבן דערין געזען דורותדיקע צוגעבונדנקייט צום דת, אָבער אַנדערע האָבן דאָ אַרויסגעפילט אַ טיפן פאָלקסטימלעכן דרך־ארץ פאַר רוחניותדיקע ווערטן.

צום ווייניקסטן ווייסט מען אָבער וועגן די שאַפונגען אַליין; *) די מחברים זענען פאַרטיליקט געוואָרן, די ווערק — פאַרשוווּנדן.

---

*) ביז איצט זענען דערשינען צ. א. די וויכטיקע פובליקאַציעס פון דעם מין:
Michal M. Borwicz: Literatura w obozie, Zyd. Kom. Hist. w Polsce, Kraków 1947.
Michal M. Borwicz: Piesn ujdzie calo... Zyd. Kom. Hist. w Polsce, Kraków 1947.
ש. שאַיעוויטש: לך לך, יידישער היסטאָרישער קאָמיטעט אין פוילן 1947.

אויף מיין וועג אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע האָב איך מיך אָנגעשטויסן אויף צענדליקער יידישע קינסטלער און שאַפונגען. וואָס איז פון דעם אַלעם געבליבן?

ה. ל. זשיטניצקי האָט מיר געשריבן פון לעמבערג און טשענסטאָכאָוו וועגן זיינע נאָוועלן. ווו זענען זיי?

פון משה שימל האָב איך דערהאַלטן פּלאַמיקע בריוו וועגן זיינע סאָנעטן אין יידיש און פּויליש. ווו זוכט מען זיי?

אברהם ניימאַן האָט מיר געוויזן זיין „פלעין־ער", געמאָלן אין חושכדיקן געטאָ פון קראָקע. ווו געפינט מען אים?

די שיינינקע האַלינאַ רובינעק, א קעמפערין פון דער קראָקעווער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, האָט באַגראָבן סקולפּטורן פון זיגמונט האָכמאַן. ווו פוילן זיי?

יעדע געטאָ־ אָדער לאַגער־שאַפונג האָט מיטגעמאַכט דעם גורל פון א ייד; זיי זענען געוואָרן פאַרגאַזט, צעמאָלן, פאַרברענט, געלעגן ווי א שמאַטע אין בלאָטיקן גרוב, אָדער געוואָרן „אויסגעגעבן" דורך אַן „אַריער" און פאַרניכטעט.

א קליינער פּראָצענט, פּונקט ווי יידן — האָט זיך אפשר אָפּגעראַטעוועט.

ווען מרדכי געבירטיק האָט מיר געלייענט זיינע געטאָ־לידער און ווען דער יידיש־פּוילישער ליטעראַט יוליוש פעלדהאָרן האָט דעקלאַמירט זיינע פּושקין־איבערזעצונגען — האָבן זיי זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אַז די אַרבעטן וועלן איבערלעבן אויף „אַרישע פּאַפּירן".

יעדער ייד — א נס, און יעדעם יידיש ווערק — א נס.

* * *

מ. געבירטיק: ס'ברענט, יידישער היסטאָרישער קאָמיטעט אין פּוילן 1946.

יצחק קאַצענעלזאָן: דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק, פּאַריז 1945.

א רייכער פאַקטאָגראַפישער מאַטעריאַל געפינט זיך אין בוך פון דר. הלל זיידמאַן א. נ. „טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ" אין דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום", בועגאָס איירעס 1947 און אין די אַרבעטן פון רחל אויערבאַך וועגן יידישע שרייבער אין וואַרשע.

מיין „לייענדיק פּרצן" האָט איבערגעלעבט אין אַ „בונקער" ביי אַ פּוילישן מאָלער.

אָנגעהויבן צו שרייבן האָב איך — דאַכט זיך — 5 חדשים נאָכדעם ווי די דייטשן זענען אַריין קיין קראָקע. איך האָב לרוב געשריבן קעגנאיבער מיין וווינונג — אין דער א. ג. „אַסטאָריאַ" אויף דיטלאַ גאַס — וווּ ס'איז געווען אַן אזיל פאַר אָרימע (און שפּעטער פאַר פּליטים), מיט וועלכן איך האָב אָנגעפירט. יעדעס קאַפּיטל האָב איך געשריבן אין אַכט קאָפּיעס. איך האָב באַשלאָסן צו פאַרטיילן יעדע קאָפּיע אויף אַן אנדער אָרט. ווייניק שעהן געהאַט צו דיספּאָזיציע; מען האָט זיך זייער אָפּט באַהאַלטן, בכדי נישט געכאַפּט צו ווערן צו אַרבעט, אָדער בכדי נישט צו אונטערליגן אנדערע ענויים קשים פון אַ יעדן ייד. אָבער תמיד האָט מען אויסגעקעמפט אַ שעה פאַר זיך. דעם 20סטן מערץ 1941 — אין טאָג ווען אַלע קראָקעווער יידן זענען אַריין אין געטאָ — בין איך אַנטלאָפן מיט מיין פרוי און קינד קיין ווישניץ־נאָווי. אזוי ווי איך האָב נישט באַקומען קיין א. ג. „קענקאַרטע", האָב איך ניט געהאַט קיין רעכט צו בלייבן אין געטאָ. איין קאָפּיע פון די שוין אָנגעשריבענע קאַפּיטלען האָב איך באַגראָבן אין דער קיך פון מיין וווינונג, די צווייטע אין קעלער פון מיין הויז, אַ דריטע מיטגעגעבן מיינע עלטערן אין געטאָ אַריין, די פערטע אַריינגעשיקט צו מנחם לינדער קיין וואַרשע און די 4 אַנדערע מיטגענומען מיט זיך. אין ווישניץ־נאָווי האָב איך ווייטער געשריבן. דאָרט האָב איך זיך נאָענט באַפריינדעט מיט סימעק דרענגער — מיין שפּעטערדיקן קאָמענדאַנט אין דער קראָקעווער יידישער קאַמפּס אָרגאַניזאַציע — זיין פרוי גוסטע, די מחברטע פון דעם באַקאַנטן „יוסטינעס טאָגבוך" *), יוליוש פעלדהאָרן און מיט אַן „אַריער", דעם מאָלער קלימאָווסקי. דער לעצטער האָט יעדן ווייטערן פראַגמענט באַגראָבן אין אַ פלאַש אין קעלער. זייענדיק אַ מיטגליד פון דער „יידישער סאָציאַלער אַליינהילף", בין איך יעדע וואָך געפאָרן אויף אַ פּאָר טעג אין קראָקעווער געטאָ, וווּ כ'פלעג זיצן ביי מרדכי געבירטיק און אברהם

*) Pamietnik Justyny, Zyd. Kom. Hist. w Polsce 1946.

ניימאַן. שפּעטער האָט מיר אויך ניימאַן באַגראָבן אַ קאַפּיטל פון יעדן קאַפּיטל. ווען איך בין שוין געווען טעטיק אין דער יידישער קאַמפּס אָרגאַניזאַציע, האָבן אונדזערע פאַרבינדונגס שליחים, האנקא בלאַס, האלינא רובינעק און פישעק (זיין ביינאָמען געדענק איך ניט) באַגראָבן קאָפּיעס אין זייערע „אַרישע" מלינות. אין יאָר 1942 בין איך געווען אין געטאָ פון באָכניע און קראָקע. אין באָכניע האָבן מיר געהאַט אַ בונקער. צ. א. חברים איז דאָרט געווען הערשל גוטמאַן, אַ תלמיד חכם, בעל מקובל, ליטעראַטור-קענער און ישראל שרייבטאַפּל, אַ יונגער דראַמאַטורג, אַ ביבלקריטיקער, פאַר וועלכע איך פלעג פאַרלייענען מיין „לייענענדיק פּרצן". אַ סך זייערע עצות האָב איך אויסגענוצט. ס'זענען דאָרט אויך געווען חברים פון „עקיבא" (הלל וואַידזשיסלאַווסקי, לוסטגארטן שמעון, לאַפּאַ עלזאַ, שיפער העלא, שניידער העלענא, טובה ווימבערגער) און פון „השומר הדתי (פאָליע און רוזשע גאָלדוואַסער, גאָלדע טרעלער, אשר וויינפעלד, שמעון און שלום שרייבער). עס פלעגן דאָרט פאַרקומען אָוונטן וואָס זענען באַשטאַנען פון „שיחות" און דער עיקר פון געזאַנג. זייער אַ סך האָט מען דאָרט געזונגען אָקופּאַציע-מעלאָדיעס, געשאַפענע דורך דעם קראָקעווער יונגן קאָמפּאָזיטאָר יעקב וויינגאַרטן. דאָס זענען די איינציקע געטאָ-שאַפונגען, וואָס האָבן איבערלעבט די דייטשן אין מיין יידישן מוח. אין פעברואַר 1943 האָט האנקא בלאַס — וואָס האָט געלעבט אויף „אַרישע פּאַפּירן" — איבערגעטראָגן דאָס לעצטע קאַפּיטל קיין ווישניץ-נאָווי, צו קלימאָווסקין.

ווען איך האָב מיך אין מערץ 1943 געטראָפן אין דער תפיסה „מאָנטעלופּי" מיט אברהם לייבאָוויטש — לאַבאַן, *) האָט ער מיך מקנא געווען און מיר דערציילט, אַז אים איז נישט געלונגען צו פאַרזיכערן זיינע נאָטיצן און טאָגבוך.

שפּעטער, אין אָשוויענטשים, האָט דער אַקטיאָר פּאָטאַשינסקי מיך געטרייסט, אַז איך וועל נאָך געפינען — אויב איך וועל לעבן — מיין מאַנוסקריפּט.

*) קאָמענדאַנט פון דער יידישער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע אין קראָקע.

נאָך דער באפרייאונג האָט דער זון פון קלימאָווסקי — א סטו־דענט פון יורי — מיר געבראכט דעם מאנוסקריפּט.

* * *

די אָקופּאַציע געשיכטע פון מיין בוך האָב איך דאָ איבערגעגעבן טרוקן, קורץ און פּשוט.

יעדער אות איז אָבער די לעצטע שרעק פון א יידיש קינד, יעדעס וואָרט — דאָס לעצטע שטיקן זיך פון אונדזערע עלטערן און יעדער זאַץ — א טייל פון אונדזער אומקום.

אפשר אַמאָל וועל איך עס בעסער דערציילן.

י. וו.

פּאַריז, פעברואַר 1948.

דאָס בוך ווידמע איך

מיין בעסטן חבר און פריינט —

מיין פרוי.

קראָקע, 22סטן יאנואר 1943.

אריינפיר

אין איינער פון פעטער אלטענבערגס דערציילונגען געפינט זיך אזא מין דיאַלאָג צווישן אַן ער און א זי.

ער אינטערפּרעטירט און לייענט געאָרגעס פּאָעזיע.

זי: ווי שיין־ווונדערלעך איר פארשטייט דאָס ליד. באמת, איר זענט א דיכטער.

ער: יאָ, איך בין א דיכטער.

זי: און וואָס איז געאָרגע?

ער: א דיכטער.

זי: און וואָס בין איך איצטער?

ער: אויך א דיכטער. מיר דריי צוזאמען זענען איצט א דיכטער.

לייענענדיק פּרצן האָב איך געפילט, ווי דריי שותפים זענען זיך דאָ צוזאמענגעקומען: דער אויטאָר, דאָס בוך און איך — דער לייענער.

איך האָב זיך דאָ באמיט צו דערקענען דעם שעפערישן ארטיזם פון פּרצן, נאָכדעם צו באנעמען מעשה־ידיו, זיינע ווערק, און צולעצט איבערצוגעבן מיינע איינדריקן פון דעם אלעם.

אוודאי — וואָלטן מיר געהאַט גענוג מאַטעריאַל וועגן פּרצעס פּסיכיק אָדער ביאָגראפישע קריטיק לויטן שניט פון סעין־בעוו, וואָלט דאָס בוך געהאַט א גאַנץ אנדערן צוגאנג, כאראקטער און ממילא פּרצוף, ווייל דעמאָלט וואָלט זיך סתם געלאָזט בעסער אויסטייטשן יעדע דערציילונג, אָדער אפשר גאָר אפילו שורה, דעמאָלט וואָלט דער קאָנטאקט צווישן דער דיכטערישער נשמה און דער שאפונג געווען א סך קלאָרער און פארשטענדלעכער.

א גרויסער שאָד פאַר פּרצעס גרינטלעכן לייענער איז דאָס, וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין עקערמאַן ווי געטע, א מוטער ווי סלאָוואַצקי, אָדער

אַ בעטטינא פאַן ארנים, וואָס האָט אין אירע בריוו צו געטע אזוי טיף באנומען בעטהאָווענען.

זיינע וויזיעס, דער עולם־קטן פון זיין אינערלעכן ארטיזם, זיין שע־פערישער אינסטינקט וואָלט זיך דעמאָלט אנטפלעקט אין זיין גאנצער פראכט און גלאנץ.

צו דערקענען א קינסטלער העלפט אויך צו דאָס באקאנט־טעכנישע „מיליע".

מיר האָבן אָבער נישט געהאט אזעלכע מאדאמס ווי די פראנצויזישע ראמבויע, נינאן לענקלא אא"וו, וואָס זאָלן שאפן אזעלכע מין מיליעס, וואָס זאָלן גלייכצייטיק זיין לעבעדיקע עדות, קאָנקרעטע וועגווייזערס פון די פסיכאָפיזישע עלעמענטן פון באהאנדלטן קינסטלער.

מיר האָבן דאָס לײדער נישט געהאט.

און אויב ביי פרצן איז אין מיניאטור געווען א מין סאלאָן, איז עס מער געווען א מ ק ו ם מ ק ל ט פאר קינסטלערישע וידוים, ווי אן אר־טיסטישער פאלאץ *).

און א מקום־מקלט קאָן שוין ווידער נישט זיין קיין אָרט פון טיפ־זיניק־פסיכאָלאָגישע אָבסערוואציעס, וועלכע מען זאָל קענען אויסנוצן אויף סטודיע־מאטעריאלן.

דאָס אלעס איז די איינציקע סיבה דערפון, וואָס איך האָב אין דעם בוך איבערגענומען די פונקציע צו זיין בלויז א ס ע ק ר ע ט א ר פון מיינע איבערלעבענישן און איינדריקן פון פרצעס שאפונגען.

אויב איך באנוץ זיך דאָ מיט א גרויסער צאָל אנאלאָגיעס פון דער וועלט־ליטעראטור, איז עס נאָר בכדי מיט דער מעטאַפאָריק ארויסצוברענ־גען די האָמאָגענעיטעט פון די אלע גרויסע גייסטער און דערשיינונגען מיט פרצעס ארטיזם, אינטעלעקט און ריכטונג — און אזוי ארום אויפ־צווייזן פרצעס בולטע אָנגעהעריקייט צו די ערשטע פון דער וועלט־ליטע־ראטור.

---

*) ש. גאָרעליק ברענגט אין זיינע זכרונות וועגן פרצן („יידישע קעפ", קאַפּ. 9): „פרץ האָט שטענדיק אליין גערעדט און ווייניק זענען געווען די, וואָס וואָלטן אים קענען איבטערעסאנט ענטפערן". ווייטער שרייבט ער, אז אין פרצעס „סאַלאָן" האָבן פארקערט אויסשליסלעך יונגע, נישט דערפארענע מענטשן.

א חוץ דעם האָב איך זיך באמת אויפצוּווייזן זיין יחס צו דער מאָדערניסטישער ליטעראטור מיט דעם, וואָס ער האָט להיפך צו דער אלטער קונסט מיט איר עפּישער עקספּרעסיע פון פאקטן — שוין געזוכט די מ אָ ט י וו ן פון די פאקטן.

ווייל וואָס א יאָרהונדערט ווייטער איז זיך שוין די קונסט מער מטפּל מיט דער אינערלעכקייט פון אינדיווידוּ.

ראדענס ווערק האָבן מער ג י י ס ט י ק ן אויסדרוק ווי פידיאשעס, אָדער דאנטע, שעקספּיר און געטע באוויזן בולטער מענטשלעכע מלחמות, ווי איסכילאָס, סאָפאָקלעס און עאוריפּידעס.

און לייענענדיק פּרצן זעען מיר קלאָר, ווי ווייט מאָדערניסטיש ער איז אין פּסיכאָלאָגישן פּרט. ער האָט פארשטאנען, אז דער ענדציל פון דער קונסט איז דער מענטש, ווייל נאָר א גרויסער קינסטלער, וואָס האָט זיך מיט זיין אינטעלעקט און פּסיכיק ארייננגעגראָבן אין די טיפענישן פון מענטש, האָט געקאָנט געבן אזעלכע פּלאסטישע נשמה־בילדער ווי פּרץ.

איך האָב זיך דאָ אָפּגעשטעלט אויף די גלויביקע עלעמענטן פון פּרצעס שאפונג, וואָרום זיי זענען עס דער הויפּט טאָן, וואָס הערט זיך ארוים פון יעדן טאקט אין זיין גייסטיקער סימפאָניע, ווייל זיין שאפן איז לפּרטים געבוירן געוואָרן אלס אויסדרוק פון זיין רעליגיעזן הונגער און עקסטאז.

פּרץ האָט דערביי נאָך די מעלה, וואָס ער נעמט די „פילאָזאָפיא צע־לעסטים” און נידערט מיט איר אראָפּ אויף דער וועלט.

זיין אָנגעהעריקייט צום ראָמאנטיזם און זיינע דענקער, וואָס זענען געשטאנען אויפן שטאנדפּונקט, אז נאָר די קונסט איז דער העכסטער אויס־דרוק פון לעבן *), ווי אויך דאָס, וואָס ער איז געווען פאר עקסעלאנס א דיכטער, וואָס פּאָעזיע איז פאר אים געווען —פּונקט ווי למשל פאר בייר־דאָנען— א מיטל זיך מתודה צו זיין — האָט מיר אויך געהאָלפן צו דער־קענען פּרצן.

*) זע דאָס קאַפּיטל „ליטעראטור און לעבן”.

ווייל דיכטונג איז בכלל אן אפאראט, וואָס אנטדעקט פאר אונדז דאָס פּנימיות פון שעפער. אלס קלאסיש משל קאָן אונדז דינען שאָפּענ־הויער, וואָס איז געווען אויסשליסלעך פילאָזאָף און פונדעסטוועגן האָט ער איבערגעלאָזט און פארעפנטלעכט א פּאָר לידער (חטאת נעורים, פון וועלכע ער אליין האָט נישט געהאלטן) נאָר צוליב דעם, בכדי — ווי ער אליין דערקלערט — א דאנק זיי ארויסבאקומען א קלאָרן צושטייער צו זיין אינערלעכער כאראקטעריסטיק.

איצט — ווי ווייט לאָזט זיך דערקאָנען פּרץ, וואָס האָט אזוי ד י כ ט ע ר י ש אָפּגעשפּיגלט זיינע פאנטאזיעס, וויזיעס און שיינקייט.

צי עס איז מיר געלונגען ארויסצוברענגען אלע פּרצישע עלעמענטן אין גאנצן פארנעם — וויים איך נישט, שוין דערפאר, ווייל ס'לאָזט זיך נישט אזוי קלאָר דערגיין די גענעזע פון שאפן.

אפילו פארן שעפער איז עס א גרוים מיסטעריום, דער שעפער, דער־זשעני, ווייסט אליין נישט, פון וואנען עס קומען צו אים אידעען און ער איז נישט בכוח צו באטראכטן גוטוויליק און מיט א פּלאן זיין קאָנצעפּציע.

אויף יעדן פאל האָב איך זיך — ווי ווייט מעגלעך — באמיט צו פאר־שטיין און אויפצוקלערן די וועלט און ציל פון פּרצעס שאפן און ווערק.

I

דער לבוש פון פּרצעס געדאַנק

1

וואָס איז סטיל?

איך ווייס נישט, צי מיין דעפיניציע וועט טאקע זיין די פּאסיקע, אויב זי וועט באמת איבערגעבן דעם תוכן פון מיין באגריף.

יעדנפאלס פיל איך און כ׳זע, אז דער סטיל דאָס איז אן אפּאראטור, א באשטימטע מיטל אויסצודריקן פאר דער אויסערלעכקייט דאָס פּנימיות פון מענטשלעכן באגריף און וועלט־באנעם, אן עקספּרעסיע פון מענטשלעכן אינגעווייד, פון דער נשמה.

און דעריבער איז דער סטיל א שליסל צו דערקאָנען די מענטאליטעט פון דיכטער און שרייבער, ווייל אנדערש סטיליזירט למשל א פלעגמאטישער, אנדערש ווידער א טעמפּעראמענטפולער טיפּ.

ווען מ׳לייענט פּרצן, ווען מען שטודירט זיין סטיל, אנטפּלעקט זיך פאר דעם לייענער די טיפע און רחבותדיקע נאטור פון זיין דיכטערישער געשטאלט.

דער סטיל און זיין שפּראך זענען שטארק אינדיווידואליזירט.

זיין סטיל איז אזוי נאטירלעך ווי זיין טעמע.

מיר האָבן נישט ביי אים די ראפינירטע, ליטעראַרישע עפּיטעטא ארנאנטיא למשל, כאָטש ער באווייזט אויף א סך ערטער, וואָס פאר א מבין ער איז אויף זיי.

מען דערקענט, ווי ער האָט געמוזט צוימען זיין גרויסן דראנג צו

געקינצלטע אויסדריקן, ווייל אַן איבערראַפינירטן דראַנג האָט ער דאָך געהאַט.

בכדי צו פאַרשטיין, וויפל שיינקייט און צאַרטקייט עס פאַרמאָגט דווקא די פשטות פון סטיל, איז געגוג אַדורכצובלעטערן די אייראָפּעאישע ליטעראַטור פון זיבעצעטנטן יאָרהונדערט, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט מאַניערירטקייט פון שפּראַך, מיט גאַרנישט זאָגנדיקע, אויפגעבלאָזענע מעטאַפאָרן.

די צייט, דאָס יאָרהונדערט, האָט ערשט געעפנט די אויגן פון שרייבער, וואָס עס הייסט פיינער סטיל.

ווער עס האָט נאָר געלייענט די נאָכשלעפּערס פון איטאַליענישן דיכטער מאַריני, פון שפּאַניער גאָנגאַראַ, פון דעם פראַנצויזישן שטראָם „פּרעסיעז", „שלעזישן" אין דייטשלאַנד און „עאופּעאיזמוס" אין ענגלאַנד, דער האָט שוין באַנומען די עסטעטיק פון נאַטירלעכן סטיל.

פּרץ אָבער האָט זיך באַמיט אויסצוהאַקן בולט זיין שפּראַך.

זיין סטיל איז טיילמאָל — בפרט אין די פאָלקסטימלעכע און חסידישע דערציילונגען — אַזוי וויט אויסגעאיידלט, אַז ער קלינגט ווי אַ שפּראַך פון דער נשמה.

2

מיט כוונה באַניץ איך דעם ווערב קלינגען.

ווען מען לייענט פּרצעס דערציילונגען, מוז מען זיך וווּנדערן אויף דער מוזיק פון זיין פּראָזע. זיין סטיל האָט טויזנטער מעלאָדישע סודות, ער האָט זיין וואָרט פאַרהערלעכט און פאַרטאָנט, ווייל ליטעראַטור איז פאַר אים געווען עסטעטיק און האַרמאָניע.

בפרט ענינים, וואָס האָבן צו טון מיטן „הימל", באַקומען ביי אים דעם ריינסטן און מעלאָדישסטן לבוש. דאָ איז ער מדקדק אויף אַ קוצו של יוד, יעדער אות שפּילט אַ גרויסע ראָל — ווייל יעדער פּגם קאָן מקלקל זיין דעם ריטם און מעלאָדיק.

אזוי ארום קומט זיין סטיל ארוים געלויטערט *).

פּרץ ברענגט נישט בלויז ארוים דעם ק ל א נ ג פון דער שפּראך, נאָר אויך איר פ א ר ב.

מיט זיין שפּראך מאָלט ער אונדז דאָס אינעווייניקסטע פון אָביעקט און געשעעניש.

יעדעס וואָרט איז דעמאָלט פּלאסטיש אין פולן זין פון וואָרט.

פּרץ דער ק אָ ל אָ ר י ס ט איז ווערט א ספּעציעל פאכמענישע אָפּשאצונג.

מיט זיינע ווערטער מאָלט ער אונדז דעקאָראטיוו די פארבנרייכקייט פון דער נאטור:

„ויהי היום, איינמאָל פארטאָג, קוים געדרויטלט האָט זיך דער מזרח, שטיל וועקט זיך אויף דער ים, קוים ער עטעמט, קוים עס הערט זיך זיין ברומען, ער ציט זיך פויל און נאָך פארחלומט אויס און ציט זיך איין... ווו נישט ווו פלאטערט אין דער בלויער לופט א ווייסע פּאָר פליגל, שרייט אויף אן עוף... און ווייטער שטיל... שטילע גלאנצן פליען איבערן ים, גאָלדענע פלעקן גליטשן זיך איבערן געלן זאמד".

„רואיק און שטיל ליגט ווייט און ברייט אויסגעגאָסן דער ים, צוזאמענגעגאָסן מיטן זוים פון פריש־מאָרגנדיק לאכנדיקן, פריילעכן הימל. קוים ער עטעמט, דער ים, קוים ער רונצלט זיך ביים ברעג און ווי ביי א גוטער באבען טאנצן ליכטיק־גלאנצנ־דיקע שמייכלען צווישן די רונצלען... און עפּעס מורמלט ער, א באבע־מעשה דערציילט דער ים די צעוואָרפענע מיט לאנגע וואסער פלאנצן ווי מיט האָר באוואקסענע שטיקער פעלזן און ער גלעט זיי איבער די האָר שמייכלענדיק, שפּילנדיק".

„און דער ים וויגט און צעוויגט זיך וואָס אמאָל שטארקער און אויפן הימל איז שוין ארויפגעשווומען די זון, נאָר פייכט

---

*) „מסירת נפש”, „די תאוה צו קליידער”, „דער פעטער שכנא און די מומע יאכנע” „ער זכרונו לברכה און זיינע מקורבים”, „משנת חסידים”, „פּרינ־צעסין קונעגונדע און פּרינץ פּראָש” א”א.

איז איר גלאַנץ — א פּאַרוויינטע זון און דאָס שוואַרצע פּינטעלע
אין עק הימל האָט זיך אויסגעצויגן אונטערווײַלעכץ אונטער דער
זון ווי א ברוינע שלאַנג און ווערט טונקעלער און טונקעלער און
רוקט זיך צו דער זון".

(„נסים אויפן ים")

אזעלכע מאָלערישע בילדער זענען ביי פּרצן דאָ אָן א שיעור.
די ברידער דע־גאַנקור האָבן געמאַכט אַקוואַרעלן־סטודיעס צו זייער'ע
באַשרייבונגען.

פּרצן שטעל איך מיר אייביק פאָר, ווי ער מאַכט אזעלכע מאָלערישע
סטודיעס א י ן ז י ך, ווי מיט זיין קינסטלעריש אויג זעט ער גרייטע
בילדער, וואָס ווערן שוין נאָכדעם ארייגעפּרעסט אין וואָרט.

3

פּרצעס שפּראַך איז אַן אַליאַזש פון פאַרשידענע עלעמענטן. צו זיי
געהערן אַלערליי פאָרמען פון פאָלק־דענקען.

און דעריבער האַרמאָניזירט אייביק זיין סטיל מיט דער טעמע:
„דער משכיל" האָט א שפּראַך, וואָס אינטערפּרעטירט פּרצעס בליק אויפן
העלד.

דער סטיל פון „מלוה מלכה" איז צוגעפּאַסט צו דער געפּרעסטער
שטימונג.

אין דעם „שבת גוי" איז די שפּראַך דער אויסדרוק פון דעם העלדס
ק ל יי נ ק ע פּ ל ד י ק יי ט. דער רב באַנוצט דאָרט סופיקסן, וואָס
פאַרקלענערן דעם זין פון וואָרט (קאַפּאָטקאַלע, אייגאַלעך, פּנימל, א ביסעלע,
א העמדעלע).

„פון דול הויז" האָט אין זיך די אָפּגעהאַקטע און נישט פאַרענדיקטע
שפּראַך־סטיליזאַציע, כאַראַקטעריסטיש פאַר משוגעים. די שפּראַך ברענגט
דאָ בולט ארויס, דאָס נישט קאָנען ציען א המשך ביי משוגעים.

„ער זכרונו לברכה און זיינע מקורבים" האָט א סטיל, וואָס באַווייזט
די קווינטעסענץ פון דער דאָרטיקער מחשבה. דער סטיל שטייט דאָרט אויף

דער מדרגה פון מאקסימאלער קורצקייט און קאנדענסירטקייט — און אגב אורחא אויפן טיפסטן געדאנק. פרץ פירט עם דא מייסטערהאפט אוים.

דאס זעלבע אין „נסים ונפלאות" און „משנת חסידים".

זיינע שטימונגס-מאמענטן האבן דעם דעליקאטן טאן. זיינע פאלקס-מאטיוון ווידער אן ארכיטעקטאנישע פשוטקייט און קורצקייט אין בוי.

די קורצקייט איז בכלל דאמינירנדיק אין פרצעס שפראך. ער ווייסט, וואס הייסט צמצום אין זאץ. זיינע „בילדער און סקיצן" באשטייען פון גאר קורצינקע ארבעטן, אבער זייער תמצית איז דורך זיין צוגעפאסט ווארט א פולער.

זיינע „געדאנקען און אידעען" האבן א ספעציפישן קורצן סטיל. דער געדאנק ווערט נאך דארט געקרעפטיקט צוליב דער קורצקייט.

פונקט אזוי אין „שטעט און שטעטלעך".

בכלל איז זיין סטיל פארשידנארטיק.

זיין פערז-שאפונג למשל האט פארשידענע סטיל-ענדערונגען. די באלאדן, לידער האבן אן אנדערן סטיליסטישן צוגאנג ווי זיינע איבערזעצונגען פון די חמש מגילות.

דערביי מוז מען נאך אקצענטירן, אז בכלל איז דער סטיל פון זיינע לידער נישט אזוי יידישלעך ווי אין דער פראזע *).

כאראקטעריסטיש פאר זיין סטיל מענטאליטעט איז זיין אפט באנוצן דעם אבסטראקטן סובסטאנטיוו (נשמה, טרויער, פרייד, אידעאל, פאנטאזיע, גוטסקייט אד"גל). ווען ער באנוצט שוין דעם קאנקרעטן סובסטאנטיוו, דעמאלט ליבט ער זיך דירעקט אין דעם וואס פארמאגט מער רחבות, אדער ווייטקייט (דער ים, דער מדבר, פארנאכט וכו').

מען קען דאס נישט גענעראליזירן, נאר אויב מען אנאליזירט זיין שפראך, מערקט מען די דיספאזיציע, וואס האט שוין איר שורש אין זיין געמיט.

---

*) דער טעם לאזט זיך דערקלערן ־דערמיט, וואס פרץ איז ביי זיינע לידער געווען אונטער א פרעמדן איינפלוס. זע קאפיטל א"ב „עאוטערפע איז טרויעריק".

4

נאָר לאָמיר צוריקקערן צו דער נאַטירלעכקייט פון זיין שפּראַך. דאָס איז דאָך איר הויפּט־מעלה און רייץ.

דאַכט זיך, אַז פּונקט אַזוי ווי מ'קאָן זיך אַנטציקן מיט איבערראפינירטע מאמרים, וואָרט־פּאַראַלעליזמען מיט אַן איבערגעקליגטן איינפלאַנצן למשל דעם מאָלערישן קוביזם אין פּאָעזיע — פּונקט אַזוי קאָן מען שטיין בלייבן מיט ערנסטער פאַרווּנדערונג פאַר דעם שאַרם פון זיין דעסטילירט־ריינער שפּראַך, אין וועלכער עס שטעקט פּונקט אַזויפיל ראַפינירטקייט און גרויסקייט.

טאַקע אָט דער קלאָרער שפּראַך פאַרדאַנקען מיר, וואָס די פּראָדוקטן פון זיין גרויסן מוח זענען פאַר אונדז נישט פאַרנעפּלט *).

זיין מוח און וואָרט־האַרמאָניע איז אויסגעשפּרייט אויף אַלע זיינע שאַפונגען — אַזוי אַז דער טעמפּאָ פון זיינע דערציילונגען איז אַן איינהייטלעכער און דער בוי אַ סימעטרישער.

זיין ריינע שפּראַך האָט —מער ווייניק— גורם געווען, וואָס פּרץ אַליין חזרט זיך לרוב נישט איבער.

לרוב געלינגט עס אים.

און כאָטש דאָ און דאָרט באַמערקן זיך נאָך א י ג ע נ ע סטיל־און שפּראַך־איינפלוסן, אָבער דאַכט זיך, אַז פאַר פלאָבערן איז די שפּראַך זיכער געווען קדשי־קדשים — ער איז דאָך באַקאַנט פון זיין גרויסן קולט פאַר ריינקייט פון דער שפּראַך און טראָצדעם איז עס אים, לויט דער מיינונג פון גרויסע פלאָבער־קענער, נישט אינגאַנצן געלונגען.

יאָ, פּרצעס שפּראַך איז דער בעסטער שפּיגל פון זיין רייכער אינערלעכקייט.

מיט איר האָט ער זיך אינגאַנצן אַנטפּלעקט און מיט איר האָט ער אויסגעדריקט זיינע פאַרלאַנגען, מחשבות, שטימונגען און געמיטס־מינוטן.

---

*) בכדי דעם פאַל בעסער צו פאַרשטיין, איז גענוג צו באַהאַנדלען דעם קאָנקרעטן משל, סטאַניסלאַוו וויספּיאַנסקי, וועמענס גייסט איז געווען אַ סך גרעסער ווי די אַרטיסטישע מיטלען פון אַרויסזאָגן און אַרויסברענגען אים. ביי פּרצן זעען מיר לגמרי נישט די דיספּראָפּאָרציע.

II

שטומע נשמות

1

מיט וואָס צייכנט זיך אויס די פאָלקסטימלעכקייט פון פרצעס דער־ציילונגען?

בכדי דאָס צו פארענטפערן, מוזן מיר זיך אויף א ווײלע אָפּשטעלן אויף די עלעמענטן פון זיינע פאָלקס־מאָטיוון, ווייל נישט בלויז די טעמאַטיק, געשעפּט פון פאָלקס־קוואל, מאכט זי פאר אזעלכע.

פרצעס פאָלקסטימלעכע דערציילונגען האָבן זעלטענע אייגנשאפטן.

ער גיט איבער דעם תמצית אויף א לעגענדארן אופן, ווי ער וואָלט איבערגעגאנגען פון מויל צו מויל, פון דור צו דור.

אייביק דאָמינירט אין זיין דערציילונג דאָס לעגענדארע.

זיינע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן” זענען אין תוך א היפך פון דעם סטערעאָטיפּישן פאָלקס־מאָטיוו. דער צייכנט זיך אויס מיט פרימיטיוויזם פון אייגפאל, דער תוכן איז דאָרט א פשוטער, די אקציע אָן קאָמפּליקאציעס.

עס געשעט דאָרט קיין שום אויסערגעווענלעכעס.

פרץ — די טיפע נשמה — דערהייבט אָבער דעם פאָלקס־מענטש צו א גרויסער מדרגה.

ביי אים איז שוין די אקציע שטארק קאָמפּליצירט, נישט טאָג־טעג־לעך, חוץ לדרך הטבע.

זיין ארטיסטישער דעוויז איז דעמאָלט צו אנטדעקן דאָס גרויסקייט און טיפקייט אין „קליינעם” מענטש און דערהייבן אים צו א הויך פון ארטיסטישער שיינקייט.

א סך פון זיינע פאָלקס־מאָטיוון פארמאָגן אין זיך, אזוי עס אָנצורופן — אן ארטיסטישע סוווערעניטעט — און זענען אזוי ארום ריינע קונסט־ווערק.

די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" זענען מעיד,ווי ווייט פרץ איז א קינד פון דער ראָמאנטישער עפּאָכע. זיי זענען דאָך פאר עקסעלאַנס באַלאַדן אין פּראָזע.

די באַלאַדע אין פּראָזע הייסט אפילו עפּאָס. דער לעצטער מוז אָבער האָבן מער רוים, רחבות און גרעסערע ספּור־המעשה.

און צוליב דער כאראקטעריסטיש־פּרצישער קורצקייט רוף איך די געשיכטן באַלאַדן אין פּראָזע.

א פּראָזע, וואָס האָט אין זיך די פּאָעזיע פון באַלאַדן.

דאָ קאָנען מיר שוין צוקומען צו א גענעטישער אויפקלערונג פון די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן":

אין ליטעראַרישן זין האָבן מיר —א חוץ דעם תנ"ך— קיין שום פאָלקס־עפּאָפּיי. און פרץ האָט כאָטשע געוואָלט ארויסברענגען בזעיר אנפּין די קאָלאָסאַלע דראמאטישע רעזערוון, וואָס דרימלען אין דעם געמיט, ווי אויך אין דער שטילער פאנטאַזיע פון פאָלקס־מענטש.

צו דעם האָט אים צוגעהאָלפן זיין פאָלקסטימלעכע דערציילונג, די באַלאַדע אין פּראָזע, דער עפּאָס אין מיניאַטור.

דאָס זענען, מער ווייניק, די אייגנשאפטן פון פרצעס פאָלקס־מאָטיוו.

2

אין זיינע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" געפינט זיך אזא פּאַסוס:

„דער עיקר איז ביי זיי דאָס הארץ, וואָרום פון אמתן צדיקס הארץ שטראַלט און פליסט ארויס דאָס גרויסע, הארציקע רחמנות אויף דער וועלט... אל יאמר — זאָל דעריבער נישט זאָגן דער עם הארץ „הן אני עץ יבש" — איך בין א שטיקל טרוקן האָלץ; אויף מיר קאָנען נישט בליען נישט בליטן, נישט קיין מצוות, נישט קיין מעשים טובים.

נסתרה דרכי מדי — מיין וועג איז פארוואָגלט פון גאָט. זיין אויג כביכול זעט מיך נישט, ווייל איך גיי ארום אין חושך און מיין נשמה איז איינגעהילט און איינגעוויקלט אין א פינסטערן וואָלקן.

און איך קאָן נישט אפילו ניצל ווערן פון גיהנום, ווייל ווי אין פרק אבות שטייט: ולא עם הארץ חסיד, דער וואָס לערנט נישט די הייליקע תורה, קאָן נישט זיין קיין אָפגעהיטענער ייד, ווייל ער ווייסט נישט, וואָס א מצוה איז, ער זאָל זי מקיים זיין, און וואָס אַן עברה איז, ער זאָל פאר איר אנטלויפן, ווי דער פעפער וואקסט, און ער איז גאָרנישט מבחין — ער קאָן נישט אונטערשיידן בין טוב לרע — צווישן גוטס און שלעכטס.

דאָס זענען גאָר קיין טענות און קיין דבורים נישט.

וואָרום סוף כל סוף קוקט גאָט ברוך הוא אויפן הארץ אין כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא: סיי די וויל־לערנער, סיי די נישט וויל־לערנער, וואָס קאָנען נאָר שמע ישראל. און שערי תפילה אינן ננעלין, די טויערן פון תפילה ווערן נישט פארשלאָסן אפילו פאר שטומע נשמות, וואָס פארשטייען נישט אפילו די טייטש ווערטער פון די תפילות און קאָנען נישט אויסרעדן דאָס הארץ פאר גאָט...

(„שטומע נשמות")

שטומע נשמות — אָט זיי זענען עס דער הויפט־אָביעקט פון די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן".

בכדי זיי צו פארשטיין, בכדי עפּעס ארויסצולערנען פון זייער שווייגן, האָט פּרץ אויסגענוצט זיין טיפן אינטעלעקט, ווארעם הארץ און סובטעל געמיט:

יוחנן וואסער־טרעגער („א קאפּיטל תהילים"), דער פּשוטער און שווייגנדיקער ייד, האָט א בעסערן חוש הריח אויף גרויסע מעשים ווי דער גאון, דער „אורח חיים".

צו א הויך עטישע מדרגה איז צוגעקומען דער פּשוטער נחמנקע

פון זבאראזש („ביים גוסס צוקאָפּנס") און נישט לייבל קאָנסקאָוואָלער, וואָס זיין „שמע ישראל" איז אזש דערגאנגען צום כסא הכבוד...

אין זיינע „זיבן גוטע יאָר" האָט דער פּראָסטער טרעגער מיט זיין ווייב א סך לעבנס־חכמה, וואָס האָט איר מקור אין זייער עטיש מענטש־לעכער הכרה נישט צו גענייסן פון געלדער, וואָס „פאלן אראָפּ פון הימל".

וויפל סטאָאישע רואיקייט פארמאָגט אין זיך דער פישער סאטיע („נסים אויפן ים"), וואָס האָט אגב א קאָנראדישן קאָלאָריט.

דעם זעלבן אינטימען צוגאנג האָט פּרץ צו חיים יונה מיט זיין ווייב („דער קונצן־מאכער") און צו באָנטשע שוויינ.

זיין סימפּאטיע צו די שוויינערס דריקט ער אויס דערמיט, וואָס זיי ווערן באלוינט; דער ערשטער באקומט זיין פיש, דער צווייטער דעם סדר און דריטער זיין אויסגעבענקטע זעמל.

וויפל פּראכט פארמאָגט אין זיך אברהמל מיט זיין באס („שמע ישראל"), וואָס איז געווען דער נאר פון דער שטאָט, יעדנס משרת און געלעבט אויסשליסלעך מיט א טרוקן שטיקל ברויט, דער זעלבער ווערט איינגעלאדן צו דער פמליא של מעלה... עס האָט דאָרט א באס פארפעלט.

פּרץ האָט זיין שיטה פון שטומע נשמות דערזען אין יעדן פשוטן ייד.

ער האָט פאר זיך געזען דעם ייד, וואָס מיטן מויל איז ער קליין, אָבער דערפאר גרויס מיטן הארץ.

אין דער דערציילונג „שרה בת טובים" זאָגט דער קוילן ברענער צו זיין טאָכטער, וואָס וויל איבעררייסן איר לייענען:

> „ניין, טאָכטער לעבן, ניין... ווייטער לייען... גיב מיר די הייליקע ווערטער אין מויל אריין, לאָמיך בעטן ביי גאָט פאר דיר, א הארץ האָב איך, טאָכטערשי, א פּולס, נאָר א ייד א פּראָסטער, קיין ווערטער האָב איך נישט".

אזוי איז עס מפרש י. ל. פּרץ.

„א הארץ האָב איך, א פּולס, נאָר קיין ווערטער האָב איך נישט".

„א קלעזמער־טויט" איז א קלאסיש בילד פון א קלעזמער א גוסס, וואָס גיט א געשריי צו זיינע בנים אויף קלעזמאָרים:

„הערט קינדער... שפּילט אָן מיר ווי מיט מיר, שפּילט גוט...
שפּילט מיר אָפּ די ודוי..."

דער פאַרלאַנג פון „אָפּשפּילן א ודוי" איז א זעלטן אָריגינעלער פאַקט פון א פאָלקס־מענטש, א שטומע נשמה.
קיין ווערטער האָט ער נישט, איז דעמאָלט די פידל זיין שפּראַך.

3

ביי זיינע „שטומע נשמות" איז פּרץ א שרייבער ווירטואָז; דער חן פון זיי שטעקט אויסשליסלעך אין אַמתדיקן איבערגעבן זייער אינער־לעכע וועלט.
אין דעם אמת שטעקט די פּרצישע שיינקייט.
פּרצעס גאונות שטעקט אויך אין זוכן סיי די פרייד און סיי דעם טרויער אין דעם פּשוטן מענטש.
נעמען מיר למשל שעקספּירס „קעניג ליר". מיט וויפל פּראַצענט טיפער, קרעפטיקער און פולבלוטיקער וואָלט דער זעלבער טראַגיזם — גענומען פון דעם געניום שעקספּירישער האַנט — אויסגעקומען ביי א פּשוטן פאָלקס־מענטש.
אָדער זאָגן מיר נאָך אַנדערש:
ווי בלאַס וואָלט אויסגעקומען סאַטיע פון „נסים אויפן ים", ווען ער איז למשל אן אייגנטימער פון יאַכטן און נישט אן אָרימער פישער?
און ווי אנעמיש וואָלט געווען די געשטאַלט פון אברהמל דעם באַס אין „שמע ישראל", ווען ער איז א בן מלך און נישט דאָס אָרים אָפּגעריסן שווייגנדיק יינגל?
זייער דראַמאַטישקייט וואָלט זיך דעמאָלט בכלל נישט אָנגעזען.
פּרץ האָט דאָס אַלץ פאַרשטאַנען און מיט א פּאַסיע זיך געוואָרפן אויף דעם פאָלקס־טיפּ און אים אילוסטרירט מיט דער הילף פון זיין עפּי־שער ברייטקייט.
נישט אייביק זענען זיינע העלדן שטום. א סך מאָל פּלאַצט אין זיי

די געצוימטע אינערלעכקייט און זי שניידט זיך דורך ווי דאָס ליכט און שאָטן ביים האָלענדישן רעמבראנד אָדער איטאַליעניש־שפּאנישן ריבערא.
דעמאָלט באַווייזן זיך פאר אונדז ל יי ד נ ש א פ ט ל ע כ ע געשטאַלטן ווי געמאָלן דורך דעם זעלבן ריבעראס תּלמיד, סאַלוואַטאָר ראַסא *).

4

אין דער „פאָררעדע" צו זיין בוך „בילדער און סקיצן" באַמערקט פּרץ אַז:

„צווישן אנדערע זאכן איז פארבליבן, אַז מען דאַרף זיך באַקאָנען מיטן געוועלטעכן, וואָכעדיקן לעבן: זען, וואָס עס טוט זיך אין די קליינע שטעטלעך, אויף וואָס מען האָפט, פאַרוואָס מען לעבט, וואָס מען טוט... וואָס עס זאָגט דאָס פאָלק?"

פּרצעס הויפּט־דאגה, ממש לעבנס דעוויז, איז געווען צו דערגיין „וואָס עס זאָגט דאָס פאָלק".

מיט זיינע ווערטער האָט ער זיך באַמיט אַרויסצוברענגען דאָס, וואָס דער גלויביקער, פּשוטער מענטש פילט אין זיין התלהבות. ער האָט אין אים אַנטדעקט אַ נייע וועלט און אים אויסגעהאַקט מיט באַוועגונגען פון אַ בול פלאָר.

אַלץ, וואָס האָט נאָר געקאָנט רעדעוודיק מאַכן די פאָלקס־נשמה, איז דורך אים עקספּלאָאַטירט געוואָרן ביז צום לעצטן פּרט.

דאַכט זיך, אַז דאָס חסידות — וואָס האָט אים געררייצט מיט דער מעטאַפיזיש־מיסטישער זייט, איז אים אויך נאָענט געווען דורך דעם דער־הייבן דעם פּראָסטן מענטש, „וואָרום סוף כל סוף קוקט גאָט ברוך הוא אויפן הארץ".

און הארץ איז דאָך ביים פאָלקס־מענטש דאָ.

מיטן הארץ קוקט ער אויף דער וועלט — און מיטן הארץ גלויבט ער.

---

*) „אַ קאַפּיטל תהילים", „שטומע נשמות", „דער משוגענער בטלן".

טיף און גלויביק איז דאָס געמיט פון פּרצעס פאָלקס־מענטש. גרויס און רייך איז זיין פּנימיות. א גאנצע וועלט טראָגט ער דאָרט און פון זיין וועזן שעפּט ער גאנצע וועלטן.

אויב ער גלויבט, איז עס נישט צוליב מורא. א גלויבן מתוך אהבה פליסט אין אים. זיין הארץ איז דער מקור פון גלויבן און די אויסערלעכ־קייט, די וועלט מיט איר אויבנאויפיק־פאַלשן גלאַנץ, ווערט פארווישט.

דער העלד פון „אויב נישט נאָך העכער" דערגרייכט די גאָר הויכע מדרגה מיט דער הילף פון פּ ו י ע ר י ש ע קליידער.

דערפאר ליבט זיך פּרץ אין דער לעגענדע פון ל"ו צדיקים, וואָס קאָנען לעבן אין די ד' אמות פון זייער באשיידנקייט און דערפאר איז ביי פּרצן „גלות אָפּריכטן" — ווי מיר זעען דעם שטארק אינערלעכן גייסט אין א ו י ס ע ר ל ע ך אָרימע קליידער — אזא נאָענטער מאָמענט *).

נישט בלויז אין דער דערציילונג נוצט פּרץ אויס דעם פאָלקס־מאָ־מענט, נאָר אויך אין זיינע עסייען, ארטיקלען און פעליעטאָנען.

אין דעם ארטיקל „דאָס יידישע לעבן לויטן יידישן פאָלקס־ליד" באווייזט ער זיין גרויסע קענטשאפט פון פאָלקס־ליד, ווי אויך זיין ליבע צו אים.

דערפאר איז אים ליב מ. גאָרדאָן („מיכל גאָרדאָן") מיט זיין פאָלקס־ליד — ווי אויך שלום אש, ווייל אויפן וועג קיין ארץ ישראל האָט ער אים געזען מיטנעמען „פאָלקס־ליטעראטור, קבלה ספרימלעך און מדרשים".

פּרצעס גאנצע ליבע צו דער יידישער שפראך איז דאָך נאָר אן אויס־דרוק פון דערנענטערן זיך צום פאָלק, צו די פאָלקס־מאסן, ווייל זיי זענען דאָך די הויפּט פאָן־טרעגער פון דער יידישער שפּראך („אין פאָלק אריין").

5

אויב מיר טרעפן ביי פּרצעס „שטומע נשמות" אויפברויזן אינער־לעכע קאָנפליקטן, זענען אָבער נ אַ ט י ר ל ע כ ע ר זיינע ר ו א י ק ע

*) „דריי חופּות", „מסירת נפש", „דער מלך מיט זיין טאָכטער".

טיפן, ווייל די נאטור קאָן ווייניק דעם פּלוצלינגען איבערגאנג פון חשכות צו ליכט.

זי האָט נישט אייביק ליב די קאָנטראסטן.

רעמבראנד און ריבערא האָבן — דורך זייער קינסטלערישע פּריזמע — אזוי געזען די וועלט. פּרץ איז אָבער דאָ געווען אין דער מדרגה, אז ער האָט זיך געקאָנט „ראָפּלאָזן" און מאָלן אן א י מ פּ ו ל ס י ו ו ע ליניע, ממילא איז דאָס בילד געוואָרן נענטער צו דער נאטור.

דער ביאַלער רבי זאָגט אין דער דערציילונג „צווישן צוויי בערג" צום בריסקער רב:

„זאָגט מיר, רבי, וואָס האָט איר פאַרן כלל ישראל? פאַרן האָלץ העקער, פאַרן קצב, פאַרן בעל־מלאכה, פאַרן פּראָסטן יידן, בפרט פאַר א זינדיקן מענטש? וואָס, רבי, האָט איר פאַר נישט לומדים?

די נישט לומדים, די שטומע נשמות, זענען פאַר פּרצן די ה ע ל ד ן.

זיי זענען גראדליניק, זיי פאַרמאָגן נישט דעם רעמבראנדישן איבערגאנג.

דער רוב פון זיי זענען מענטשן, וואָס לעבן א קאָנטעמפּלירט לעבן, א לעבן מיט זיך.

די קאָנטעמפּלאציע שאַפט ביי זיי רואיקייט און טיפקייט.

די שטומע נשמות, וואָס „מען מוז זיי געבן די הייליקע ווערטער אין מויל אריין", האָבן אין פּרצן געפונען זייער אויסלייזער, וואָס האָט זייער גרויסע סימפאָניע אויפגעזונגען אין די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן".

III

די דערציילונג פון דער נשמה

1

פסיכאָלאָגן חקרענען זיך, ווי אַזוי ס'איז בעסער צו פאַרטייטשן דאָס וואָרט „פּסיכאָלאָגיע": די לערע אָדער די דערציילונג פון דער נשמה.

אונדז איז די גאַנצע שקלא וטריא אַפילו גאַנץ איבעריק. אויב איך רעד דערפון, איז נאָר בכדי זיך צו באַנוצן מיט א געוויסער אויסטייטשונג וועגן פּרצן אַלס פּסיכאָלאָג, אַלס מענטשן־קענער, אָדער טאַקע — זיך בע־סער אויסגעדריקט — וועגן פּרצן דעם דערציילער פון דער נשמה.

וואָרום פּרץ איז דאָך נישט געווען דער פאַכמענישער פּסיכאָלאָג, ער האָט זיך אָבער אויסגעלערנט גוט צו פאַרשטיין די נשמה פון מענטשן.

פּונקט אַזוי ווי דער, וואָס האָט סתם א גוטן בליק, קאָן שוין זיין א מאָלער: למשל מאַטעיקאַ איז געווען קורצזיכטיק, סעזאַן האָט אויך געהאַט א דעפעקט אין דער ראיה און דאָך האָבן זיי זיך אויסגעלערנט גוט קוקן און דערזען.

דאָס זעלבע איז נוגע פּרצן דעם פּסיכאָלאָג.

זיין פּסיכאָלאָגישע דערציילונג — דאָס איז די עקספּרעסיע פון מענטשלעכן פּנימיות, פון מענטש, וועגן וועמען ער האָט קלאָר און וואַרעם געטראַכט — ביז ער האָט אים ענדלעך באַנומען אינגאַנצן.

זיין קלאָרער מוח און וואַרעם האַרץ זענען עס געווען די פּרטים, וואָס האָבן אים צוגעהאָלפן גוט צו דערציילן וועגן דער נשמה.

ער האָט א סך אריינגעטראכט אין זיינע העלדן, ארויסגעשלעפּט זייער נשמה — וואָס איז דאָרט געווען פארשטעקט בחדרי חדרים — אויף דער העלער זונענשיין, געזען איר ריינקייט, נישט אדורכגעלאָזט קיין פלעקל און אָנגעהויבן מיט זיין שפּראך צו דערציילן:

די מעשה וועגן דער נשמה:

„איז געשטאנען א פרוש, פרייטיק נאָכן קניזש, וואָס ער האָט ביי דער שוחטקע געגעסן, אין ליידיקן בית המדרש, אין דער זייט פון שטענדער, אויף וועלכן עס איז אָפן געווען „שיר השירים" ווי עס פּאסט פאר פרייטיק".

(„ווי אזוי א פרוש איז געוואָרן אויס פרוש")

און די דערציילונג פלעכט זיך ווייטער און צעוואקסט זיך צו א זעלטענעם פּסיכאָלאָגישן געביי. די הרהורים רעים פון דעם פרוש באקומען דעם רעגולער־פּסיכאָלאָגישן איבערגאנג, די אסאָציאציעס — זייער אמת און די פאקטן ווערן איינגעגלידערט אין א חלום, וואָס איז ווידער פּסיכאָלאָגיש פארשטענדלעך.

אלע פּסיכישע ניואנסן באקומען זייער אָרט און אלץ קומט נאטירלעך ארויס און מיט א סך חן און געשמאק.

דאָס איז די פּרעצישע פּסיכאָלאָגישע דערציילונג.

אויבנאויפיק דאכט זיך אונדז, ווי דער אויטאָר טוט גאָרנישט קיין האנט דערצו, מען לייענט, און די העלדן אליין באַמיִען זיך ארויסצוברענגען דאָס אלץ.

ווען מנחם מענדל שרייבט זיינע בריוו צו זיין שוועגערין („האשה מרת חנה"), צי דערזעען מיר אויבנאויפיק די טענדענץ פון אויטאָר? מיר לייענען און פּאמעלעך, פּאמעלעך דערקענען מיר די גנבהשקייט. ערשט שפּעטלעך פארשטייען מיר, וואָס דער כיטראק וויל.

אָדער די דערציילונג „מוסר": מיר האָבן דאָ זעלטענע פּסיכאָלאָגישע פּאָרטרעטן פון צוויי פרויען: חנה און גרוינע, פון חנהן רעדט די אַלטע

וועלט, גרוינע מיט אירע רייד איז דער פ ר י מ אָ ר ג ן פון היינט. די דיאַלאָגן, די פּראַכט פון דער דערציילונג, זענען דאָ אזוי פיין צוגעשניטן, אז זיי זענען אונדז דאָ גרינטלעך מפרש די סיטואַציע און די באַרירטע פּראָגן. די דיאַלאָגן קלינגען אזוי אמתדיק, אז מיר פאַרגעסן, אז זיי זענען געשריבענע.

יוחנן מלמד („יוחנן מלמדס מעשהלעך") האָט אין זיך א גרויסן אינטואיטיווען אמת. דעם פּסיכאָלאָגישן שטריך דערקענען מיר ביי אים געלעגנהייטלעך — סתם, ער דערציילט א מעשהלע, אָבער פאַקטיש האָט פּרץ דאָרט באַהאַלטן א סך פּסיכאָלאָגישע שיינקייט.

איצט ווערן מיר זיך פאַרטראַכטן וועגן דער סיבה, פאַרוואָס פּרץ האָט זיך דאָ אָוועקגעשטעלט אָן א זייט:

אין תוך איז די פּסיכאָלאָגישע דערציילונג נישט מער ווי אן אָפּשפּיגלונג פון דער דיכטעריש־אינטעלעקטואַליסטישער מענטאַליטעט. דער שרייבער וויל דאָך זיך אליין דערקענען און דערזען זיך אין זיינע העלדן.

נאָר פּרץ האָט אין דער אגב־אורחאדיקייט געהאַט א טענדענץ: ס'איז וואָר, זיינע העלדן זענען דער פּסיכאָלאָגישער שפּיגל פון זיינע מחשבות און מעשים, ער האָט דאָס אָבער שטאַרק פאַרשלייערט, כדי נישט צו שאַדענען מיט זיין דיכטערישן עגאָצענטריזם, בכדי צו מאַכן בולטער דערמיט זיין פּסיכאָלאָגישן אמת.

נישט ער, דער אויטאָר, באַווייזט פּסיכאָלאָגישע קונסטשטיק, נאָר די העלדן ה א נ ד ל ע ן פּסיכאָלאָגיש.

וואָרום דאָס קונסטווערק דאַרף אונדז אינטערעסירן מיטן אמת פון קאַלאָריט.

דער קאָלאָריט האָט דאָס געווירקט, וואָס די שיין צוגעפּאַסטע, פּסיכאָלאָגישע טענדענצן. זענען זיך אזוי צאַרט און סובטעל אָן.

דאָס איז דער ספּעציפיש־פּרצישער צוגאַנג.

2

אויך דאָ ביי פּרצן פּסיכאָלאָגישע סצענעס, וואָס ווירקן מיט זייער שטאַרקייט, ווו עס רוקט זיך אַרויס — אין א שטאַרקער פאָרם— דער פּסיכאָלאָגישער קאָנפליקט.

אין דער וועלט־ליטעראטור האָט מען זיך געוועלעך ליב אָפּצושטעלן —ביי אזעלכע קאָנפליקטן— אויף מענטשן פון גרויסן גייסט, וואָס איז פארשטענדלעך און אגב אינטערעסאנט. ווייל אויב אזא סעין בעוו למשל זאָגט, אז ענדערונגען מאכן אים פשוט פאר א שברי־כלי, אינטערעסירט שוין אזא פאקט אויסערגעוועלעך און פאר דעם פסיכאָלאָג איז עס א פעטער בימן.

אָבער פּרץ איז אויך דאָ געווען קאָנסעקווענט. אים האָט מער צוגע־צויגן דער קאָנפליקט ביים פּאָלקס־מענטש. שטארק ברענגט ער דאָס ארויס.

אלס משל — די דערציילונג „א כעס פון א יידענע".

די פרוי מיטן קינד הונגערן. זייערע נערוון זענען שוין פון הונגער אויסגעמאטערט. מען הערשט שוין נישט איבער זיך. דעמאָלט זיצט זיך דער מאן גאנץ רואיק און לערנט:

„ער זיצט נאָך אלץ און לערנט, ער באמערקט נישט, אז עס מאכט זיך א געוויטער, אז עס ווערט אלעמאָל געפערלעכער... אז די לאָזט ארויס דעם זאַק מיט די שפּיזלעך פון דער האנט און הייבט אָן קנאַקן די אויסגעדארטע פינגער. אז די קנייטשט איין דעם שטערן פאר ווייטיק. איין אויג ווערט צוגעמאכט און דאָס צווייטע אויג קוקט אויף אים מעסער שפיציק, אויפן מאן דעם למדן, אז עס וואָלט אים, ווען ער זאָל זען, קאלט געוואָרן אין אלע אברים, דאָך ער זעט נישט ווי אירע בלויע ליפּן צי־טערן, ווי די גאָמבקע ציטערט, ווי עס קלאפּט איר א צאָן אָן א צאָן... ווי זי האלט זיך איין מיט אלע כוחות, נישט אויסצוברעכן, ווי דער דונער רייסט זיך און רייסט און עס דארף נאָר א קליי־ניקייט, ער זאָל ארויס פון מויל.

דאָס קלייניקייט האָט זיך געטראָפן. „ער לערנט און זאָגט: שמע מיניה — — — תלת..." און טייטשט זיך אויס בנעימות: איז דאָך פון דאנען געדרונגען — ער וויל זאָגן „דריי", נאָר דאָס וואָרט „געדרונגען" איז שוין גענוג געווען... אין דעם וואָרט

האָט זיך אָנגעכאַפּט דאָס פאַרביטערטע האַרץ. דאָס איז געווען דער פּונק צום פּולווער.

איר שטאַרקער ווילן פּלאַצט. דאָס אומגליקלעכע וואָרט (מיין קורסיוו — י. וו.) האָט געעפנט אַלע פאַרהעמערטע טויערן, אויפגעהאַקט אַלע ריגלען... אויסער זיך איז זי צוגע־שפּרונגען צום מאַן מיט פּיאַנע אין מויל, מיט נעגל אין פּנים אַריין.

געדרונגען, זאָגסטו, געדרונגען? אוי אַ דרינגעניש זאָל אויף דיר קומען, רבונו של עולם! — האָט זי אויסגעשריגן פון אַ הייזעריק קול פאַר כעס. — אַ דרינגעניש רבונו של עולם! יאָ! יאָ! — האָט זי ווייטער מיט אַ שלאַנגען קול געסיטשעט: פאַר פּסח... דאָנערשטיק... סיקינד קראַנק... קיין טראָפּן מילך. האַ?"

דאָס וואָרט „געדרונגען" איז דאָ אַ זעלטענער ביישפּיל פון פּסיכאָ־לאָגישע אמתן, וואָס איבערצייגן מיט זייער קראַפט און גראַדליניקייט.

נאָכדעם קומט פאַר נאָך אַ שטאַרקערע סצענע: דער מאַן וויל זי שטילן און אומוואַרפן איר גאַנצן באַשולדיקונגס־אַקט מיט אַזעלכע וויכ־טיקע ענינים ווי בטול תורה און גיהנום אַלס פּועל־יוצא דערפון.

פּרץ ברענגט פּלאַסטיש אַרויס איר טראַגיש צעריסנקייט — פון איין זייט הונגער און אַ קראַנק קינד — פון אַנדערן צד אַזעלכע שרעקלעכע האַראַסקאַפּן. דער גאַנצער קאָנפליקט האַלט דעם לייענער שטאַרק אין שפּאַ־נונג, צו וועלכע פּרץ האָט אויסגענוצט דעם מאַקסימום פון זיין באַשריי־בעריש־פּסיכאָלאָגישן כוח.

אין ענלעכע סצענע איז דאָ אין „נישט פאַרמשפּט", ווען אין זקנים־הויז קומט פאַר אַ שמועס צווישן די אַלטע לייט וועגן אונטערדריקער און אונטערדריקטע. אָבער די זקנים נעמען בכלל נישט אויף די באַגריפן פון סאָציאַלן רעכט און אומרעכט. בכדי זיי אָבער דאָס מברר צו זיין, באַזאָרגט פּרץ, אַז איינער פון דער חברותא זאָל אַריינוואַרפן דאָס וואָרט „גענזן פּופּיקל". און דאָ, פילנדיק דעם טעם פון גוטן פּופּיקל און דערמאָנענדיק

זיך כלאחר יד, ווי ווייט דאָס איז פון זיי, עפנט זיך ערשט דער מיין פון סאָציאַלע אונטערשידן.

פּרץ קליגלט זיך נישט צופיל מיט זיינע העלדן, נאָר בשעתן שרייבן טראַכט ער ווי זיי און דערפאַר זענען זיינע פּסיכאָלאָגישע מאָמענטן אזוי שיין און רעאַל.

דאָס גענצן פּאָפּיקל ווירקט מער ווי סתם אידעאָלאָגישע אויפקלע־רונגען.

דער כוח ליגט אין איין וואָרט און דאָס איז די באהאַלטענע טענדענץ.

ווי ווייט דאָס וואָרט קריכט אריין אין מענטשלעכן אונטערבאוווּסט־זיין און ווי שטאַרק עס ווירקט, ווייזט פּרץ אין זיין דערציילונג „שמעיה דער גבור״.

מיר האָבן דאָ א גרינטלעכע פּסיכאָלאָגישע אינטראָספּעקציע אין א צעריסענער נשמה.

פּרץ ווייזט דאָ אונדז שמעיהן, דעם שוואַכן בעל גוף, וואָס מיינט, אז ער איז דירעקט מקדש השם דערמיט, וואָס ער האָט צעריסן דעם רבס ספּאָדעק, הלמאי דער רב האָט געפּסקנט לויטן חיי אָדם און נישט לויטן שלחן ערוך. אונטערגעהעצט פון דער סביבה, טוט שמעיה זיין זאַך. אָבער פּרץ, דער געניטער פּסיכאָלאָג, פירט אין דער דערציילונג אריין אן אלטן חסיד, ר׳ ברוכן, וואָס איז דאָ דער בר דעת און וואָרנט שמעיהן פאַרן פוגע בכבוד זיין אין א תלמיד חכם. ר׳ ברוך וואַרפט אריין דאָס וואָרט, אז שמעיה „איז דערפאַר חייב מיתה און ער וועט נישט מוצא שנתו זיין״. שמעיה לאָזט עס אפילו נישט צו צום באוווּסטזיין, ער באַגאַטעליזירט עס, אָבער דאָס וואָרט האָט געטון זיינס און מיר זעען, ווי פאַמעלעך דער פּסק דין סוגערירט דעם אָרימען שמעיהן און „שמעיה איז שוין צו זיך נישט געקומען״.

א דאַנק אזעלכע „געדרינגענס״, „גענזענע פּאָפּיקלעך״ און ר׳ ברוכס, דערזעען מיר די „טעררא אינקאָגניטאָ״ פון פאָלקס נשמות.

און פּרץ איז דאָ דער קאָלומבוס, וואָס פירט אונדז צו די ברעגעס פון אומבאַקאַנטן לאַנד.

3

פרץ, דער דורכדרינגלעכער אָבסערוואַטאָר פון יידישן לעבן, האָט אויך געווענדט זיין בליק צו דער יידישער פרוי.

אין זיינע דערציילונגען וועגן איר האָט ער זיך באמת ארויסצו־ברענגען, אגב אויף א קינסטלערישן אופן, סיי איר שלעכטע און סיי איר גוטע לאגע, ווי אויך דעם וועלט־באנעם פון ייד לגבי דער פרוי *).

פרץ נוצט דאָ אויס זיינע אלע פסיכאָלאָגישע כלים, כדי צו באווייזן די מאָטיוון און פאקטן פון דער פרוואישער פארשקלאפונג אין אונדזער געזעלשאפט.

נאָר אויב עס רעדט דאָרט דער פסיכאָלאָג, וואָס האָט נישט געוואָלט אדורכלאָזן קיין איינציקן פאקט פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ — טוט ווידער אין זיינע דערציילונגען וועגן דער גליקלעכער פרוי רעדן דער אמאטאָר, דער קינסטלער, וואָס זוכט מיט ליבשאפט זיין בילד און טעמע **).

מיט א צארטן צוגאנג מאָלט ער דאָרט פרוואישע טיפן און פילט ארויס זייערע הארץ סודות.

אין א לויטער פסיכאָלאָגישער סטיליזאציע ברענגט ער אויך ארויס דעם געדאנקען־גאנג פונעם סתם ייד בכלל און חסידישן בפרט לגבי דער פרוי:

„וואָס פארא נעבעך? וואָס דארף א יידענע, וואָס פעלט

איר? תכריכים האָט זי שוין..."

(„וואָס דארף א יידענע")

---

*) „האשה מרת חנה", „א כעס פון א יידענע", „אין פאָסט־וואָגן", „חתונה געהאט", „דאָס פארטוך" א"א.

**) „די סקולער רביצין", „שלום בית", „דער ארענדאר", דער קרבן", „דריי מתנות".

„וואָרן טאקע באמת, וואָס איז ווערט א מענטש אָן א שטיקל
יידענע? אָן א ביסל ווארמס, אָן א געקאָכטן קארטאָפל?

(„אז מען זאָגט: משוגע, גלויב")

„זוגתי איז אפילו נישט זייער צופרידן געווען דערמיט...
א נייע הוצאה און זי איז די שפּייזערין געווען — עס איז דאָך
אָבער נאריש נאָכצוגיין א אשה".

(„ער זכרונו לברכה און זיינע מקורבים")

פּרץ כאפּט אָן דאָס פינטעלע, דעם שורש פון דעם וועלט באנעם און
ווייזט אים מיט פּסיכאָלאָגישער פינעזיע.

דער קלוגער זשאן פּאָל האָט געזאָגט: „די פרוי איז באשאפן צו
זיין א וועסטאלין פון הויז און נישט אן אצעאניד פונעם וועלט ים".

אויב מיר באטראכטן פּרצעס פרויאישע העלדן, דעמאָלט זעען מיר
בפירוש, אז זיין צוגאנג איז דאָרט געווען אן אינטימער, היימישער און
צארטער — אחוץ זיינע דערציילונגען „זינדיק בלוט" און „אויף דער
פרישער לופט", איז ביי אים כמעט נישטאָ קיין פרוי מיט א ברויזנדיק־
אינערלעך לעבן. זייער ראָל דרייט זיך אויסשליסלעך אין די ד' אמות פון
זייער אייגן הויז.

אינדערצייט ווען זיינע סאטיעס, באַשפּילערס און פּרושים זענען
געמאָלן מיט שטארקע פּסיכאָלאָגישע באוועגונגען — גלעט ער נאָר מיט
זיין טיף אָבסערוואטאָריש אויג די געשטאלט פון זיין איידעלן פרויען־העלד.

זייער כאראקטעריסטיש איז אויך זיין פּסיכאָלאָגישע הנחה לגבי
דעם אייביקן פייער פון דער וועסטאלין — דאָס קינד.

דאָ ווייזט ער ארויס גרויס מבינות אויף קינדעריש טראכטן און
באהאנדלט עס דערביי אויף זיין אייגנארטיקן אופן.

אין זיין דערציילונג „דער תענית" איז דאָ א סצענע, ווו א טאטע,

נישט האָבנדיק צו געבן זיינע קינדער צו עסן, רעדט זיי איין, אַז אַ ספר תורה איז אַראָפּגעפאַלן, מוזן אַלע, אַפילו זייגעדיקע קינדער, פאַסטן :

„די פיר קינדער שפּרינגען פלינק אַרויס פון בעט און הייבן
אָן באָרוויס אין די צעריסענע העמדלעך צו טאַנצן איבער דער
שטוב און צו רופן :
מיר וועלן פאַסטן, פאַסטן".

ווי גוט פּרץ האָט פאַרשטאַנען קינדער־אייגנשאַפטן. פריער זענען זיי געווען הונגעריק, און ספּעציעל דאָס קינדערישע עקשנות האָט זיי גענייט צו מאָנען יעדע מינוט עסן. איצט, אויב דער הונגער איז געוואָרן סאַנקציאָנירט, זענען זיי שוין רואיק איינגעשלאָפן.

אין ענלעכע סצענע האָבן מיר אין „די לבנה דערציילט", ווו די קינדערישע פאַנטאַזיעס מאַכן ווידער פאַרגעסן אין שטאַרקסטן הונגער.

בכלל האָט פּרץ אין זיין קינדער־טעמאַטיק געוואָלט דערגיין דעם פּועל יוצא פון די סאָציאַלע באַדינגונגען אויף זייער פּסיכיק, דערנענטערנדיק זיך אַזוי אַרום צו דער מאָדערנער פּעדאַגאָגיק, וואָס זעט אין ענגן שייכות און אַ קעגנזייטיקן ווירקן צווישן די צוויי פּרטים *).

נאָר פּרץ, וואָס איז געווען אַ קנעכט פון דער שיינקייט, ווי עמערזאָן רופט די דיכטער, האָט אויך געבערענגט פּסיכאָלאָגישע קינדער סיטואַציעס, וואָס זענען אַרומגעהילט מיט זיין ספּעציפיש קינסטלערישן מאַנטל **).

די וועסטאַלין און איר פייער האָבן אין פּרצן געפונען דעם דורכדרינגלעכן אָבסערוואַטאָר.

4

פּרץ האָט ליב, ווי כ'האָב שוין פריער באַמערקט, פּסיכאָלאָגישע אמתן.

---

*) „די ווילדע בריאה".
**) „קינדער", „דער חלום", „דאָס קראַנקע יינגל", „מקובלים".

י ו ס ף   ו ו אָ ל ף

אין דער דערציילונג פון א פורים רב א״נ „אלטווארג״ געפינט זיך אזא זאַץ:

„מיינט נישט, אז א פורים רב מוז זיין בטבע א לץ, אז ער מוז שיטן מיט גלייכווערטלעך און וויצן. אויב דער עולם וויל און קאָן, איז געגוג, אז דער פורים רב זאָל טייטן מיט א פינגער, דער עולם זאָל פאלן אונטער די בענק פאר געלעכטער״.

דאָס איז א פסיכאָלאָגישער אמת פון געלעכטער. צום לאַכן מוז מען זיין דיספּאָנירט.

אָדער אזא שיינער פסיכאָלאָגישער אמת:

„מען זאָגט יצר טוב, זאָל זיין אזוי. אָבער סיי ווי סיי בין איך דאָך נאָר א דירה, ווו עס וווינען צוויי שכנים. איינער הייסט יצר טוב — דער צווייטער יצר הרע. נישט אזוי? ווייטער די מעשה מיט די נעמען...״

אזעלכע פסיכאָלאָגישע, אמתע מאמרים, געפינען זיך ביי פּרצן אָן א שיעור.

אלס גרויסער קענער פון מענטשלעכע נשמות באווייזט זיך אויך פּרץ אין זיינע מעשיות פון „דול הויז״, ווו די משוגעים האָבן — פּונקט ווי ביי שעקספּיר — א פעסט אויפגעבויטן אינסטינקט *).

נאָך שטארקער איז עס ביי די מאָמענטן, וואָס האָבן א שייכות צום מענטשלעכן סעקסוס.

וואָס פארא ריין פּרווידיסטישן כאראקטער טראָגט די דערציילונג „דאָס פארטוך״, בשעת אין שרהלען ברעכן זיך אלע צווימונגען פון איר

*) „כל בו״, „א חלום״, „א רופא צו א חולה״, „א שמועס מיט גאזע־מאן״ א״א.

נישט אויסגעלעבטער ווייבלעכקייט (און רייף האָט זי דאָך געמוזט זיין, אויב פויערים האָבן זיך צו איר שוין געטשעפּעט). ווען מען וויל איר איינהאנדלען דאָס „גליק" מיט ר' פּיניע און זיינע 5 יתומות, לויפט זי פארצווייפלט צום ברעג, צום אָרט, וווּ עס קומען זיך ביינאכט צונויף שקצים מיט שיקסעס, און זי ווארפט זיך אין די אָרעמס פון די יונגע פויערים.

דאָס איז א מין ל יי ז ו נ ג פון איר קאָמפּלעקס.

דעם זעלבן פּסיכאָלאָגישן יסוד האָט יוסל דער יתום אין דער דער־ציילונג „דאָס שטעטל שרעקט זיך" און כאראקטעריסטיש איז דער פּסי־כאָלאָגישער מאָטיוו ביי דער גאסן־פּרוי אין „זינדיק בלוט".

עס זענען דאָ א סך שיינע פּסיכאָלאָגישע מאָטיוון ביי פּרצן *), אָבער אין אלגעמיין האָב איך שוין בארירט די וויכטיקסטע עלעמענטן פון פּרצעס נשמה־דערציילונגען — און איך וועל זיך ביים סוף פארטראכטן וועגן זיין נאָענטן און ספּעציפישן עלעמענט.

5

זיין נאָענטער און ספּעציפישער עלעמענט, דאָס איז די פאָלקסטים־לעכע און חסידישע געשטאלט.

דאָ איז זיין פּסיכאָלאָגישע הנחה אן אמתע און אייביקע.

מיט א זעלטענער אינטואיציע מאָלט ער אונדז אויס די געשטאלטן און אויב די טיפן זענען שוין היינט נישט מער דאָ, דארפן מיר אָבער שעצן אין זיי די פּסיכאָלאָגישע בילדער — וואָס ער האָט אין זיי איבער־געלאָזט ווי אויך דערזען זייער גרויסן ווערט פון אן א י נ ס פּ י ר א־צ י ו ן כוח.

---

*) „איבער א שמעק טאבאק", „מענדל בריינעס" (די הארמאָניע פון מעשים און מחשבות), „די ווילדע בריאה" (די הארמאָניע פון קינדס מחשבות מיט דעם ארום), „וועבער ליבע" (פּסיכאָלאָגישע גראדליניקייט).

די פּרצישע געשטאַלטן לעבן שוין נישט אין גוף, זיי לעבן אָבער אין זײַנע שאַפונגען — און זיי האָבן אים געמאַכט אומשטערבלעך.

אין זײַנע דערציילונגען וועגן דער נשמה שפּילן זיי א גרויסע ראָל.

אויב דער אַמעריקאַנער וו. דזשעמס איז געווען דער, וואָס האָט טעאָרעטיש איבערגעגעבן די פּסיכאָלאָגיע פון רעליגיע, איז פּרץ געווען דער, וואָס האָט אונדז געוויזן פּ ס י כ אָ ל אָ ג י ש ע פ א ק ט ן פון דער רעליגיע.

מיר דאַרפן דערבײַ נישט פאַרגעסן, אז די פּסיכאָלאָגיע פון דער רעליגיע איז א זייער וויכטיקער טייל פון דער אַלגעמיינער פּסיכאָלאָגיע.

עס זענען נאָך אין אונדזער געזעלשאַפט דאָ אָן א שיעור פּסיכאָ־לאָגישע דערשיינונגען, וואָס לאָזן זיך קלאָרער דעפינירן אין רעליגיעזן לעבן.

אין שייכות מיטן רעליגיעזן ציטער פונעם מענטש גיט פּרץ איבער זײַן פּסיכאָלאָגיש פאַרהעלטעניש צו אָט דעם ציטער, ווײַל דער מענטש, וואָס זוכט, וואָס גריבלט, פילט פאַרשידן אָפּ דעם ציטער *).

אין „א קאַפּיטל תהילים" באַנוצט זיך פּרץ מיט טיפע פּסיכאָלאָ־גישע סודות בנוגע דעם פּרוש און דעם וואַסערטרעגער. דער ערשטער קומט אַרויס דעמאָניש, דער צווייטער געמיטלעך. דער פּרוש איז דאָ שטאַרק כאַראַקטעריסטיש צוליב זײַן קראַנקער נ ש מ ה, כאַראַקטעריסטיש אויך דערפאַר, ווײַל ער איז אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון פּרצן.

ער פילט נישט אין זיך קיין שום לערקייט און האָט נישט קיין מורא.

ער זוכט דעם חטא.

ער זיצט איבער קבלה ספרים, בכדי צו האָבן דעם כוח אַרויסצו־רופן לילִיתן, לכבוד וועלכער ער זינגט „בואי כלה" און מיט וועלכער ער טאַנצט א פלאַמענדיקן רקוד...

פּרצעס פּסיכאָלאָגישער חוש בײַם אויסבויען דעם פּרושעס געשטאַלט איז מײַסטערהאַפט.

---

*) „ווי אזוי א פּרוש איז געוואָרן אוים פּרוש", „זינדיק בלוט", „שמועה דער גבור", „איבער א שמעק טאַבאַק" א"א.

דער פּרוש, וואָס האָט זיכער געהאט אין זיין לעבן שטאַרקע רעלי־גיעזע מאָמענטן, וואָס האָט זיין רעליגיעזן פלאַם מסתם א ו י ס ג ע ט ו י ש ט אויף שלעכטס, איז דאָ זעלטן עקספּרעסיוו. זיין שייכות צום רעליגיעזן ציטער, צו גאָט, האָט זיך אויסגעלענקט.

וואָס מער ער האָט געזוכט, געגראָבן, אַלץ טיפער איז ער געפאַלן.

ז י י ן   נ ש מ ה   ה אָ ט   פ א ר ל ו י ר ן   ד ע ם   ק אָ נ ט א ק ט   מ י ט   ג אָ ט.

אויב מיר וועלן באהאנדלען זיינע אַלע פּסיכאָלאָגישע מאָטיוון, מוזן מיר צוקומען צום אויספיר, אז זיין אָריגינעלסטע פּסיכאָלאָגישע קאָנצעפּ־ציע האָט ער טאקע ביי דעם מעטאפיזישן דראנג פון זיינע העלדן און אויך ביי דעם וועג, וואָס פירט דערצו.

דער וועג פון מענטש און זיין נשמה — צו גאָט.

IV

דאָס ליד אין פּראָזע

1

איידער מיר וועלן רעדן וועגן די הויפּט יסודות פון פּרצעס קליי־נינקע דערציילונגען, איז כדאי צו ציטירן דעם אָנהייב פון זיינע „ר׳ נחמנקעס מעשיות״:

דאָ וועלן מיר האָבן די גענעטישע מאָטיווירונג פון זיין דערציילע־רישן דראנג, ווי אויך די אידעאישע אָפּשפּיגלונג פון זיין שרייבערישער מענטאליטעט.

די „מעשיות״ הייבן זיך אָן אזוי:

„די מעשיות פלעגט ר׳ נחמנקע דערציילן נאָך הבדלה.

און וויסן דארף מען, אז תכלית המעשה איז געווען, ערשטנס מגלה צו זיין סתרי תורה, וואָס מען קאָן נישט מסביר זיין נאָר בדרך משל און צווייטנס — צו פארטרייבן די מרה־שחורה, דאָס עצבות און בענקעניש צו דער נשמה יתירה, וואָס טוט זיך אָפּ אויף א גאנצע וואָך.

די בשמים, פלעגט ער זאָגן, גיבן זייער ריח פארן גוף, די מעשהלעך — פאר דער נשמה, פאר דער פאריתומטער, וואָכע־דיקער נשמה״.

דאָ דערזעען מיר פּרצן אין זיין ריכטיקער, גייסטיקער געשטאלטונג. אחוץ דערציילער און דיכטער, איז דאָ פּרץ דער ב ע ל ה מ ע ש ה,

פאר וועמען יעדע שאפונג איז געווען א גרויסע טאט, וואָס האָט אים אויסגעטייטשט אַלערליי פּראָבלעמען און מפרש געווען זיינע ארטיסטישע וויזיעס.

בכדי ארויסצוברענגען גוט אויסגעבויטע דערציילונגען, איז ווייניק טאלאנט און קונסט, מען מוז אויך האָבן אין זיך אַן אידיי.

זיין אידיי, זיין ציל איז געווען צו באדינען „די פּאריתומטע, וואָר־בעדיקע נשמה” און „מגלה צו זיין סתרי תורה”, צו אנטפּלעקן פאר אונדז דאָס מענטשלעכע פּנימיות און אויפצוקלערן זיינע וועגן און אומוועגן.

דאָס איז די צענטראַלע אידיי פון פּרצן דעם ראָמאַניסט.

די פאָרם, דער בוי און די עלעמענטן פון זיינע דערציילונגען דאָס זענען שוין „בשמים”, וואָס „גיבן ריח פארן גוף”, וואָס באצירן זיין שאפן מיט געשמאַק, שאַרפזין און עטערישקייט.

מיר וועלן זיך טאקע אָפּשטעלן אויף די עלעמענטן — די ריחפולע בשמים פון זיינע דערציילונגען.

2

גאָטהאָלד אפרים לעסינג —וועמען מיר יידן קענען אזוי גוט צוליב זיין פריינטשאפט מיט משה מענדעלזאָנען און זיין „נאטאן דער ווייזע”— באמערקט אין זיין „לאאָקאָן”, אז דער דיכטער דארף נישט מאָלן קיין בילדער פון זיינע העלדן, נאָר אָפּשפּיגלען זיי דורך זייטיקע מעשים.

האָמער למשל באשרייבט נישט, ווי אזוי דער באוואָפנטער אגא־מעמנאָן איז געווען געקליידט, נאָר מיר זעען אים בשעת ר׳טוט זיך אָן אלע וואפן־טיילן, ממילא שטעלן מיר זיך מיר שוין פאָר זיין קליידונג.

פּרץ האלט זיך אין זיין דערציילונג ביי אן ענלעכן מעטאָד, נאָר מיט דעם אונטערשיד — וואָס האָמער האָט אים אויסגענוצט צו דער פ י ז י ש ע ר עקספּרעסיע פון העלד און פּרץ צו דער ג ייס ט י ק ע ר פלאסטיק פון טיפּ.

דער פּרוש („א קאפיטל תהילים”) באווייזט זיין גייסטיקן פּרצוף מיט דער הילף פון קבלה ספרים, שמות און ענלעכע עפּיטעטן.

לייבל קאָנסקאָוואָלערס מענטאליטעט („ביים גוסס צוקאָפּנס”) דער־

קענען מיר מיט דער הילף פון זיין „שמע ישראל" און מיט זיין אויפפירונג בשעת דער גסיסה.

דער רבי פון „אויב נישט נאָך העכער" באוויזט זיך אין זיין גרויס־קייט א דאנק פויערישע קליידער.

אויך די לולקע ציביק איז ביי פרצן אימשטאנד צו באווייזן דעם גרויסן מענטשלעכן גייסט („דעם רבינס ציביק").

די העלדן ווערן נישט געמאָלן דורך פרצן דירעקט, ד"ה ער נוצט דאָ נישט אוים זיין פלאסטישן טאלאנט, בכדי אונדז צו ווייזן אינערלעכן חיות פון די העלדן, ער שטעלט זיי אונדז פאָר אומדירעקט.

מיט זייטיקע, לפנים נישט וויכטיקע פרטים, גיט ער אונדז אהער זיין גייסטיקן מהות.

אזוי ארום האָט פרץ אויסגענוצט דעם האַמערישן אופן פון פאָר־שטעלן טיפן.

אין זיינע דערציילונגען פּאָעטיזירט ער דאָס לעבן.

ער באוויזט דאָרט א מייסטערהאפטע פעאיקייט צו באשאפן אן ארטיסטישע שלמות פון פארגאנגענהייט און קעגנווארט, פון אמת און דיכטערישע פאנטאזיע.

ז י י ן פּ ר אָ ז ע א י ז א ס ו מ ע פ ו ן ר ע א ל י ט ע ט ג ע ט ו ב ל ט א י ן פּ אָ ע ז י ע.

מיט זיין פּאָעטיזירן דאָס לעבן האָט פרץ צום שטארקסטן דאָקו־מענטירט זיין אָנגעהעריקייט צו דער ראָמאנטישער עפּאָכע, ווען דיכ־טער האָבן פארסוביעקטיוויזירט די אָביעקטיווע עקזיסטענץ.

וואָרום פרץ האָט באשאָנקען די וועלט מיט זיין אינערלעכקייט און זי באפוצט מיט שיינקייט.

זיינע דערציילונגען זענען דעריבער דער בעסטער עדות פון דער רייכער מאָזאיק פון זיינע איבערלעבענישן.

ווייל פרץ זוכט נישט קיין טעמע פאר זיין דערציילונג; די טעמע איז —אזוי עם אויסצודריקן— אן א ס אָ צ י א צ י ע פון זיינע איבער־לעבענישן, פאר וועלכע ער געפינט נאָר די פאָרם, דעם לבוש.

יעדעם בילד פון זיין ארטיסטישער וויזיע איז אָנגעזאַפּט מיט דעם תוכן פון זיינע איבערלעבענישן *).

און אויב מיר ווען באַטראַכטן דערצו זיין אַקאָמפּאַנימענט פון שטימונג, סימבאָלישע בילדער און סצענעס, וואָס באַגלייטן כמעט יעדע דערציילונג, וועלן מיר ערשט דערזען, אַז פּרצעס טעמאַטישע ספערע איז פאַרבונדן מיטן כאַראַקטער פון זיין טעמפּעראַמענט און מיט זיין באַציאונג צו דער וועלט.

יאָ, פּרץ איז פעסט צוזאַמענגעבונדן מיט זיין טענדענץ און דערציי־בער פילן מיר אין אים דעם שרייבער פון א מ ת ן און ער רופט אַרויס צו זיך אַ סך רעספּעקט.

3

נאָר לאָמיר ווייטער שמעקן די פּרצישע „בשמים", לאָמיר זיך וויי־טער פאַרטראַכטן איבער די הויפּט־יסודות פון זיינע דערציילונגען.

פּרץ האָט טיילמאָל ליב צו מאָלן טיפן קאָנטראַסטן **).

די קאָנטראַסטן זענען ביי פּרצן אַזוי בולט, אַזוי קאַנטיק, אַז מיר באַקענען יעדן ציטער, יעדן נערוו — מיר דערזעען פּשוט די געשטאַלטן אויף אַן אַנאַליטישן אופן.

כאַראַקטעריסטיש פאַר פּרצן איז אויך דאָס, וואָס ער האָט נישט איבערגעלאָזט קיין גרעסערע ראָמאַנען, נאָר קורצע דערציילונגען.

דאָס איז אַ זשאַנר, אין וועלכן אגב פּרץ איז געווען אַ מייסטער.

---

*) „ווען אַן אַלטער בוים האָט זיך צעלאַכט", „מסירת נפש", „דער פאַרשאָלטענער ברונעם", „וועבער־ליבע", „דרשה־געשאַנק", „דער בעל־שם פּירט אוים אַ שדוך".

**) „אַראָפּגעלאָזטע אויגן" (ביידע שוועסטער) „מענדל ברוינעס" (מאַן און ווייב), „ביים גוסס צוקאָפּנס" (ליבל און נחמקע), „אַ קאַפּיטל תהילים" (דער פּרוש און דער וואַסערטרעגער), „מוסר" (חנה און גרוינע) א"א.

למשל די דערציילונג „משופע" איז קליין ביז גאָר, אָבער פונדעסט־װעגן האָט זי אין זיך אַלע דערציילערישע מעלות. זי איז שפּאַנענדיק, מאָלעריש, פון אַלט ביז קליין אָפּגעמאָלן מיט א שטאַרקער עקספּרעסיע, די סצענעס בינדן זיך גוט און בכלל איז זי שלמותדיק.

װייל ניט אין גרויסקייט פון װערק שטעקט דער קינסטלער, נאָר אין אופן פון ארויסברענגען אים.

איינס פון ראַפאַעלס גרויסע שאַפונגען, „יחזקאלס זעאונג", איז אזוי קליין, אז מען קאָן עס צודעקן מיט דער האַנט.

און אפשר באַװייזט דער שעפער, אין דעם פאַל, א גרעסערע קונסט; ער מוז זיין טאַלאַנט געלונגען איינפּרעסן אויף א קליינעם שטח.

אין א סך פון זיינע דערציילונגען מערקט זיך דער פּאַראַלעליזם פון נאַטור און אַקציע *).

און װען די צוויי פּרטים קומען זיך צוזאַמען, דעמאָלט האָבן מיר א רייכקייט פון פאַרבן און טענער.

די פאַרב איז דעמאָלט א שטאַרקע, פּולבלוטיקע, דער טאָן אָבער אַן עלעגישער, קאָנטעמפּלירטער און אָנגעשטעלט אויף מאָל.

טיילמאָל װידער, צעברויזט זיך פּרצעס טעמפּעראַמענט און מיר לעבן דעמאָלט מיט דאָס שטאַרקסטע טענער־געברויש פון עפּעס א װאַגנע־רישער מוזיק **).

בכדי גוט צו פאַרשטיין פּרצעס דערציילונגען, מוז מען אומבאַדינגט האָבן ספּעציפיש פילנדיקע סטרונעס אין דער נשמה.

װאָרום פּרץ האָט זיין גאַנצע אינערלעכקייט איבערגעליפערט אין װאָרט און געדאַנק, װעלכע ער האָט סינטעטיש פאַראייניקט אין זיין דער־ציילונג — דאָס ליד אין פּראָזע.

---

*) „דער קרבן", „נסים אויפן ים", „ביים גוסס צוקאָפּנס" א״א.
**) „נסים אויפן ים", „א קאַפּיטל תהילים", „די גאָלדענע קייט" א״א.

V

ווען פּרצעס בלום צעבליט זיך...

1

דאָס געפיל און די ש ט י מ ו נ ג — אַלץ געפילס־סיטואַציעס — שפּראָצט נישט אַרויס פון זיך אַליין.

פונקט אַזוי ווי די בלום, מוז די שטימונג ווערן פאַרפּלאַנצט, מוז זי האָבן איר גוטן באָדן און צוגעפּאַסטן קלימאַט.

דאָס זענען, אַזוי צו זאָגן, די עלעמענטאַרע באַדינגונגען צום אַנט־וויקלען זיך.

פּרץ האָט געהאַט דעם גוטן באָדן און צוגעפּאַסטן קלימאַט, בכדי צו פאַרפּלאַנצן אין זיך געפילן, פון וועלכע עס זאָל אַרויסשפּראָצן און אַרויסוואַקסן אַ שיין בליענדיקע שטימונג...

זיין נשמה איז געווען דער באָדן, זיין געמיט — דער קלימאַט, די וועלט מיט אירע דערשיינונגען — די זאָמען.

פּרץ האָט געהאַט דיכטערישע שעהן, ווען ער האָט אָפּגעפילט די רו און דערזען די נסים, וואָס קומען פאָר אין דער נאַטור, און דעמאָלט האָט די קלענסטע באַוועגונג אויפגערודערט זיין געמיט, געמאַכט ציטערן זיין נשמה און די בלום — די שטימונג האָט געבליט.

און ווען זי האָט געבליט, האָט ער באַלד דערזען און דערפילט די האַרמאָניע און אמת פון דער אַרומיקער נאַטור און איר קינד, די פּאָעזיע.

אין זיינע שטימונגס־דערציילונגען האָט ער אויסגעזונגען זיין נשמה.

מען פילט אין זיי דעם אראָמאט פון ווייטע, אָריענטאַלישע געשטאַלטן און דעמאָלט טוט אונדז ווי, וואָס א חוץ דער דערציילונג „דריי מאָל גערופן" וכדומה זענען ביי אים אָריענטאַלישע מאָטיוון א יקר המציאות.

ווייל ווי שיין און שטימונגספול וואָלט ביי דעמזעלבן פּרץ אויסגע־קומען דער העלד מיט דעם ווילדן עקסטאַז־אויסגעשריי — נישטאָ קיין גאָט א חוץ אללא.

ווי שוין געזאָגט, רעדט פון זיינע שטימונגס־דערציילונגען די שפּראַך פון דער נשמה.

פון די טיפסטע טיפענישן פון אונדזער פּנימיות וועקן זיך אויף מיסטעריעס, וואָס האָבן דאָרט געדרימלט פון דור דורות, ער דעקט אונדז דאָרט אויף מענטשלעכע נשמה־רייכקייטן, ער מאָלט אונדז געפיל־סיטוא־ציעס, ווו די מענטשן —אזוי דאכט זיך אונדז— האָבן קיין פלייש און בלוט, ווו דער אבסאָלוטער רעאליזם וואָלט פאר זיי נישט עקזיסטירט, אָבער די זעלבע העלדן זענען דורכגעדרונגען מיט אן אמת, וואָס איז א סך מער ווערט פון דער אויסערלעכער וועלט.

דער אמת — דאָס איז די אייביקע בענקשאַפט צום גוטן, לויטערן און שיינעם *).

די נשמה איז א סובטעלער אינסטרומענט און פּרץ האָט צו איר א צאַרטע האַנט און צוגאַנג און דערפאַר איז פאר אים די שטימונג א קונסט־ציל פאר זיך.

און דעמאָלט אנטפּלעקט זיך פאר אונדז דאָס גאַנצע אינגעווייד פון מענטשלעכע געפילן.

ווייל פּונקט אזוי ווי מען רעדט וועגן פאָטאָגראַפישן טאַלאַנט פון פלאָבער — פּונקט אזוי קאָן מען רעדן וועגן א פאָטאָגראַפיש ארויסברענגען מענטשלעכע געפילן ביי פּרץ **).

---

*) „דריי מתנות", „מסירת נפש", „נסים ונפלאות", „התגלות", „די ירושה" א"א.

**) „הער זיווג", „דריי חופות".

2

מיט דער הילף פון דער שטימונג האָט פּרץ פאַרגעסן אין די טאָג־טעגלעכע זאָרגן — און זיך פאַרשלאָסן אין זיין וועלט.

אין דער דערציילונג „אויף א זומער־וווינונג" האָבן מיר א גענוג באַנאַלע מעשה מיט א ייד, ר' אברהמל, וואָס דאַרף שרייבן תנאים מיט זיין טאָכטער, נאָר ער האָט נישט אויסצוצאָלן דעם גאַנצן נדן, עס קומען פּאָר סכסוכים און גאַנץ פּאַסקודנע סצענעס. אינמיטן ווערט די דערציי־לונג איבערגעהאַקט און פּרץ פירט אריין זיין שטימונגס־מאָמענט: דאָס וואַסער רוישט... דער נאַכטיגאַל זינגט... דער פישער ברומט א לידל אד"גל.

דאָ האָבן מיר דעם בעסטן סימן, ווי פּרץ האָט זיך מיט דער הילף פון שטימונג געוואָלט באַפרייען פון דעם באַנאַלן אין לעבן. דער קאָמ־פּאָזיציאָנעלער אָפּנויג איז א קלאָרער באַווייז, אז אין זיינע שטימונגס־מאָמענטן איז פּרץ נישט דער קאָפּיסט פון ארום, נאָר אויסשליסלעך פון זיין געמיט און פאַנטאַזיע — און דעמאָלט דאַכט זיך אונדז, ווי מיר וואָלטן פּלוצים געלאַנדעט אויף א ברעג פון אן אומבאַקאַנטער פּלאַנעט, וואָס איז באַוווינט דורך ווונדערלעכע מענטשן, וואָס פירן א ספּעציפיש לעבן און זאָגן ווערטער פון א גרויס אינערלעכער שטימונג *).

דאָ זעען מיר דעם ארטיסט, וואָס ט ו י ש ט אויס פאַקטן אויף שטימונגען.

מען פילט אויך ארויס פון זיינע שטימונגס־דערציילונגען ווי יעדער פּרט נעמט אים אדורך, ווי ער דרינגט אריין —לויט נאַוואַליסעס שיינעם זאָג— דורך „דעם געהיימניספולן וועג אין די טיפעניש פון פּנימיות".

דער געהיימניספולער וועג, דאָס איז דאָס דיכטערישע געפיל **).

עס זענען דאָ קריטיקער־עסטעטיקער, ווי למשל דער פראַנצויזישער

---

*) „אין אָפּקומעניש", „אָן מזל".

**) „מעשיות" (די צייט), „אין אומבאַקאַנטער", „פון וואַנעט נעמט זיך: ער שפּילט פאַרן טיוול", „פון וועג אַראָפּ", „א ליבע", „דער שטראַל".

זשאן באפטיסט דובא, וואָס שטייען אויף דעם שטאנדפונקט, אז דאָס געפיל איז די הויפט־קריטעריע אין דער קונסט בכלל.

אויב מיר קאָנטראָלירן פּרצעס שאפן, האָבן מיר א לעבעדיק בילד פון דובאָס שיטה.

זיינע שטימונגס־מאָמענטן רעדן אונדז צום געמיט, ווייל זיי קלינ־גען ווי א סימפאָניע פון געפילן, אויסגעפירט פון אן אָרקעסטער פון לירעס און הארפעס.

זון און ליכט זענען דאָ די לייטמאָטיוון. די זון, וואָס באשטראַלט — דאָס ליכט, וואָס באלייכט די ב ל ו ם — פּרצעס שטימונג — פאר וועלכע מיר בלייבן שטיין פארוווּנדערט.

זיין שטימונג, די צארטע שארמאנטע בלום, בארירט אין אונדז א גאמע פון געפילן, ווען זי עפנט איר בעכער און טרינקט לכבוד פּרצן, דעם גרויסן א ר כ י ט ע ק ט פ ו ן פ א נ ט א ז י ע. — — —

VI

ליריק און עפּיק גיבן זיך די הענט

1

די דראַמע, וואָס האָט ביי די גריכן געהאַט אַ רעליגיעזן הינטער־שלאַק — שוין דערמיט, וואָס מען האָט זי פאַרגעשטעלט לכבוד דעם געט־לעכן דיאָניזאָס־באַקכוס — איז אין רוים געוואָרן סעקולאַריזירט.
אָבער נישט לאַנג האָט זי דאָרט טריאומפירט, ווייל עס זענען באַלד אויפגעשטאַנען אַנדערע מינים פאָרשטעלונגען, ווי למשל די פּאַנטאָמים און דעמאָלט איז זי אַוועק צו די ד' אמות פון לייענער עסטעט.
לייענענדיק פּרצעס דראַמעס און פאַרגלייכנדיק זיי מיט דער דע־מאָלסטיקער היפּער אָרימקייט פון אונדזער טעאַטער עקזיסטענץ, איז ערלעך צו באַוואונדערן דעם דראַמאַטורגישן כוח פון פּרצן, וואָס האָט פּאַראַלעל צו די נישטיקע מעגלעכקייטן פון איין צד און זיין אינערלעך דראַמאַטישן דראַנג פון דער צווייטער זייט — געדאַרפט שאַפן טאַקע נאָר דראַמעס צום לייענען, צו דיסקוטירן איבער זיי און נישט דראַמאַטישע ווערק, וואָס קענען ערשט ווערן ריכטיק אויסגעפירט ביי גאָר רייכע באַדינגונגען, ווי פּרץ וואָלט למשל געהאַט באַדינגונגען פון אַ מאָליער אויפן פראַנצויזישן הויף, אָדער וואַגנער אין ביירעט.

אויב פּרץ האָט צו דעם יאָ צוגעפירט, איז עס דערפאַר, ווייל דער עכטער תוכן פון דער דראַמע איז דאָס אמתע לעבן, ווייל לעבן טראַגיש, הייסט האָבן פאַר זיך אַן אַספּקלריא המאירה פון זיין אייגן לעבן.
פּרצעס טעאַטער איז טאַקע די אינערלעכע מלחמה פון זיין נשמה.

די מלחמה האָט ביי אים געהאַט צוויי שטאַפּלען: אויפן ערשטן האָט ער אויסגענוצט אַלע וועגן, בכדי אין זיך אַרויסצורופן ל י ר י ש ע וויבראַציעס, בכדי צו באַרירן פּילנדיקע סטרונעס, אויפן צווייטן שטאַפּל האָט ער שוין געזאָרגט, אַז די וויבראַציעס און באַרירונגען זאָלן שטיין אויף דער הויך פון עכטער ע פּ י ש ע ר קונסט.

אַזוי אַרום האָט פּרץ איבערגעגעבן אויף אַ זעלטענעם אופן, גאָר דייטלעך, זיין וועלט באַנעם, ווי אויך זיינע עסטעטישע, מאָראַלישע הנחות לגבי דער געזעלשאַפט *).

2

פּרץ, אונדזער קלאַסיקער, איז גענוג ווייט פון דער גריכיש קלאַסי־שער פאָרם.

ער איז ווייט דערמיט, וואָס זיין אַקציע איז צו קאָמפּליצירט און דער פערזאָנאַזש צו גרויס (מיר האָבן דאָך ביי אים מאַסן־סצענעס) איינ־דערצייט, ווען די גריכישע טראַדיציע האָט געזאָרגט, אַז די אַקציע זאָל זיין פּשוט און מער ווי פיר מענטשן זאָלן זיך אויף דער בינע נישט באַווייזן **).

דער גריכישער שטריך איז ערשט דערגאַנגען צו פּרצן דורך דעם איינפלוס פון וויספּיאַנסקי אויף זיינע דראַמאַטישע שאַפונגען (בפרט זעען זיך די איינפלוסן דאָרט, וווּ ס'געפינען זיך, די באַקאַנטע ביי וויספּיאַנסקי, ט ו נ ק ע ל ע און פאַרנעפּלטע סצענעס).

---

*) י. י. טרונק ברענגט אין זיין בוך „נאָענט און פרעמד" (זייט 121), אַז פּרץ האָט מיט אים עטלעכע מאָל גערעדט וועגן אַ צווייטן טייל „בייַנאַכט אויפן אַלטן מאַרק", וואָס האָט געזאָלט זיין אַן אויסדרוק פון זיינס אַ פּאָזיטי־ווערער און אָפּטימיסטישערער איבערציוגונג. מיר זעען דערפון בפירוש, אַז פּרץ האָט אַ יעדע זיינע מחשבה, דראַנג און ציל תמיד געוואָלט אָפּשפּיגלען אין זיינע ווערק.

**) אין רוים איז האָראַץ געגאַנגען נאָך ווייטער דערמיט, וואָס ער האָט געהאַלטן, אַז דער פערטער אַקטיאָר זאָל בכלל שווייגן.

וויספיאנסקי אליין איז געווען גאָר שטארק אונטערן איינפלוס פון דער גריכישער טראגעדיע און ער האָט דאָס אומדירעקט איבערגעליפערט פּרצן א טייל קלאסישע עלעמענטן.

דער גריכישער דראמאטורג האָט נישט גענומען אלס טעמע פאר זיין ארבעט קיין געגנווארטיקע געשעעניש. זיין טעמע איז געווען דאָס לעבן, וואָס האָט זיך אדורכגעפיבערט אין היסטאָרישע מיטן און אמונות *).

אָבער דאכט זיך, אז צום ווייניקסטן קאָן מען רעדן וועגן דער גרי־כישקייט פון פּרצעס דראמעס.

זייער הויפּט־קראפט שטעקט אויסשליסלעך אין דער דראמאטישער ל י ר י ק און ע פּ י ש ן גייסט, וואָס ער האָט אין זיי אריינגעגאָסן, דראמאטיזירנדיק מענטשלעכע קאמפן.

ער ברענגט די דראמאטישקייט אויך ארויס מיט דער הילף פון דער א״ג פּראָגרעסיווער פאָרם, דאָס הייסט: ער אנטוויקלט די גאנצע אקציע פאר די אויגן פון צוזעער **).

אנדערשוו אקצענטירט ער די מלחמה מיט דער הילף פון פ א ט א־ ל י ז ם אין דער דראמע, ווו מיר זעען א קראפט, וואָס פירט דעם העלד צום אומגליק, כאָטש ער וואָלט זיך געוואָלט פון דעם ווי ווייט מעגלעך פארהיטן ***).

צו דער עקספּרעסיע פון דער דראמאטישקייט האָט אויך צוגעברענגט

---

*) „די גאָלדענע קייט״, „ביינאכט אויפן אלטן מארק״.

**) „די גאָלדענע קייט״, „ביינאכט אויפן אלטן מארק״.

***) „אמאָל איז געווען אַ מלך״ (ליוזער, יוסל, דער ערשטער אַרבעטער), „שוועסטער״ (לאה און נחמה), וואָס אין פּידעלע שטעקט״ (יואל).

די אײנטײלונג פֿון זײן אַקציע לויט סקאַליגערס מעטאָד, לויט װעלכן דאָס דראַמאַטישע מאַטעריאַל דאַרף האָבן פֿיר פֿאַזן:

1) פּראָטאַזיס, װען מיר באַקענען דעם מצב פֿון באַרירטן ענין.
2) עפּיטאַזיס, װען דער צוזעער דאַרף װערן אינטריגירט.
3) קאַטאַסטאַזיס, װוּ ס'געפֿינט זיך דער הױפּט־פּונקט פֿון דער דראַמע און איר קװינטעסענץ.
4) קאַטאַסטראָפֿע, װען די סיטואַציע און גליק ענדערט זיך אויף אַ פּלוצלינגן אופֿן.

די סקאַלעגערישע אײנטײלונג האָבן מיר אויך בײ פּרצן *).

דראַמאַטיש זענען די מאָמענטן, װוּ ער באַנוצט זיך מיט פּיראַנדעלאָס מעטאָד פֿון קאָנפֿראָנטירן די װעלט פֿון פֿיקציע מיט דער רעאַלער װעלט **), װי אויך מיטן אַרויספֿירן דעם גײסט ***), בײ װעלכן ער איז נאָכגעגאַנגען די בעסטע װעלט־דראַמאַטורגן.

אין דער הײנטצײטיקער דראַמאַטישער פּאָעזיע האָבן מיר דרײערלײ פּרינציפּיעלע געשטאַלטן: כאַראַקטערס, טיפּן און אימאַזשינירטע פֿיגורן.

פּרץ האָט אַרויסגעבראַכט די אַלע דרײ פּרטים מיט דעם חלוק, װאָס אימאַזשינירטע זענען בײ אים נישט די פֿיגורן, נאָר די הנחות און באַגריפֿן ****).

װאָרום פּרצעס אַרטיסטישע פֿאָרם איז דער סימבאָליזם, װוּ מען רופֿט אַרויס שטימונג מיט דער הילף פֿון פּרטים, װאָס ליגן מחוץ פֿון אונדזער באַװוּסטזײן.

און אויב פּרץ האָט זיך טײלמאָל געקלאַמערט אין דער סימבאָלישער

---

*) „װאָס אין פֿידעלע שטעקט", „די גאָלדענע קײט" (א: דער עולם װאַרט אויף הבדלה, ב: מען פֿילט, עס דאַרף עפּעס געשען, ג: לאה און ד"ר בערגמאַן גײען זוכן ליכט, ד: לאה קערט צעבראָכן צוריק און די גאָלדענע קײט װערט שװאַכער).

**) „די גאָלדענע קײט", „בײנאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק".

***) „קברות נאַכט", „בײנאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק".

****) „אין פּאָליש אויף דער קײט", „בײנאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק".

קונסט, האָט עס זיכער געהאַט אַ שייכות מיט זיין פאַנטעאיסטישער לעבנס הנחה.

די דראַמאַטישע טעטיקייט האָט געהערט ביי אונדז צו די שוואַכ־סטע, דערצו האָט זיכער גורם געווען דער מאַנגל פון קאָמפּאָזיציאָנעלע טאַלאַנטן, ווי אויך דער איבערמאָס פון ליריזם.

אָבער פּרץ האָט אויסגענוצט ראַציאָנעל זיין ליריש געמיט און אויפ־געבראַוזט זיין עפּישן טעמפּעראַמענט, בכדי צו ווייזן דעם מ ע נ ט ש מיט זיינע פאַרלאַנגען, גלוסטונגען, מחשבות, טאַטן, עליות און ירידות.

VII

קונסט איז אמת

1

„צי קאָן מען העפּלעך אויפוועקן א שלאָפנדיקן? מן הסתם נישט; ווייל ווען מען זאָל אים אפילו וועקן מיט ארויפוואַרפן אויפן פּנים דאָס לייכטסטע בלעטל פון א רויז, וואָלט דאָס העכסטנס געווען זייער עלעגאַנט, אָדער א דיכטערישער שריט, אָבער קיינמאָל נישט העפּלעך, ווייל מען דאַרף דעם שלאָפנדיקן איבעררייסן די פעדעם פון זיין טראַכטן — און דאָס איבעררייסן פּלוצים, נישט פּאַמעלעך, נאָר מיט א פעסטער באַוועגונג ארויבערטראָגן אים אין א גאַנץ אַנדערע ווירקלעכקייט".

אייביק, ווען כ'טראַכט אָדער לייען וועגן סאָציאַלן אונטערשיד און גרויל פון דער מענטשהייט, דערמאָנט זיך מיר תיכף אָט דער אָנהייב פון ציפּריאַן נאַרווידס „שווייגן".

וועגן סאָציאַלן יושר לאָזט זיך נישט שרייבן העפּלעך דעליקאַט, מיט א רויזיקן צוגאַנג — נאָר מיט א שטאַרקער פּעדער און עקספּרעסיִוון זאַץ דאַרף מען פּלוצים אַרונטעררייסן דעם שלייער און באַווייזן דעם אמתן פּרצוף.

פּרץ האַלט זיך לרוב אין זיינע סאָציאַלע דערציילונגען ביי אַן ענלעכן מעטאָד.

ער שפּילט זיך נישט אין דאָקטרינערישע פראַזן, ער צעפּלאַמט זיך נישט ביליק פּאַטעטיש ביי סאָציאַלע מאמרים, נאָר מיט אַן אַרטיסטישן, געלונגענעם האַק אין א קינסטלעריש־קורץ געפּרעסטער פאָרם דערקענען מיר זיין גאַנצע אָנשויאונג, באַקומען מיר דעם אמת.

ווען דער „שבת גוי" האקט יענקעלען אונטער די ציין, גנבעט אים צו דאָס ברויט און ברעכט אים צולעצט אָן די ביינער, רופט דעמאָלט דער כעלמער רב צוזאמען אן אסיפה און פאר דער עפנטלעכקייט פסקנט ער כהאי לשנא:

„יענקעלע זאָל קודם כל, און טאקע באלד מאָרגן, אם ירצה השם, און גאָר באגינען טאקע ערגיץ אוועק... וואָרן אויף אים האָט ער שוין א חזקה, דער שבת גוי... מער ווי א חזקה, א כיוון דדש... ולהשיב אפו, כדי מציל צו זיין קהל פון סכנה, זאָל מען דעם שבת גוי געבן הוספה.

א ג ר ע ס ע ר   ש ט י ק   ק ו י ל י ט ש ,   צ ו ו י י   ט ר י נ ק ב ר אָ נ פ ן ,   א י ך   ו ו י י ס ?   א ו ל י   י ר ח ם".

אָט מיט אזא קונסטפולן זאץ ווייזט אונדז פרץ בולט, ווי ווייט מען איז דורך סאָציאלער און מענטשלעכער דערנידערונג ממש ווי דעגענערירט געוואָרן, ווי ווייט מען פארלירט דעמאָלט זיינע עלעמענטארע פליכטן.

און פרץ האלט דאָס נישט פאר קיין איינצלנעם פאקט. די זעלבע דערציילונג ענדיקט זיך אזוי:

„איך לאכט?
און דאָך שטעקט אין יעדן פון אונדז א שטיק כעלמער רב".

אָט די מענטשלעכע דעגראדאציע אלס פּראָדוקט פון באדינגונגען איז פרצעס ווייטיק.

פרץ זעט די אָרימע באדינגונגען פון מענטש און ער ווייזט אונדז מיט זיין קינסטלערישער פעדער דעם טרויעריקן פועל יוצא דערפון, וואָס צייכנט זיך אויס מיט קנעכטשאפט און אונטערטעניקייט.

ער מאָלט אונדז טיפן, וואָס —צוליב געוווינהייט— פארשטייען זיי שוין נישט זייער לאגע.

דאָס, וואָס מען לאָזט זיך כסדר אונטערדריקן, באשאפט די דיספּאָזיציע איבערצוטראָגן די דעגראדאציע אלס פארשטענדלעכע דערשיינונג.

קודם כל לאָזט זיך יענקעלע אונטערהאַקן די ציין און צולעצט גנבעט מען אים צו דאָס ברויט — דעם ביסן פון מויל, מ ע ן ג י ט א ז ו י לאַנג נאָך, ביז מען פארשטייט שוין, אז מען מוז צוצאָלן קוליטש און בראָנפן...

2

אלס קעגנזאץ צו דער טעמפקייט און שפלות האָט אונדז פרץ געגעבן אין א טייל פון זיינע „בילדער און סקיצן" טיפּן, וואָס דאָס פארשטענדעניש פאר זייער סאָציאַלן שטאנד איז שוין א באוווּסטזיניקערער, וואָס נעמען שוין לפּרטים אויף דעם תוכן פון א יושרדיקע וועלט־איינטיילונג.

די דאָרטיקע העלדן, אנשטאָט זיך אײנגאנצן צו פארלירן, האָבן זיי זיך געשאפן א גאנצע לעבנס־הנחה פון זייער אָרימקייט.

די יידן פון „בילדער און סקיצן", די קליינשטעטלדיקע יידן, האָבן נישט די מעגלעכקייטן און ממילא די באדינגונגען צו פארבעסערן זיך זייער לעבנס־שטאנדארט, זיי האָבן זיך דערפאר אָבער אויסגעלערנט צו זאָגן א גוט איראָניש ווערטל, אָדער העכסטנס צו פארשטיין דעם „שכל" פון א גוט לעבן.

דאָס, וואָס ער באנעמט די טרויעריקע לאגע און דאָס, וואָס ער קאָן איבער איר אינטערעסאנט רעדן, איז שוין א רעקאָמפּענסאטע פאר זיין שווארצער ווירקלעכקייט.

און פרץ טוט דערמיט אויף צווייערליי ענינים:

ער גיט אונדז איבער פּסיכאָלאָגישע אפעקטאציעס פון מענטשן און אגב אורחא באקענען מיר אומדירעקט אופנים פון דער לאגע און איר לייזונג.

אומדירעקט באקומען מיר פון די פּרצישע שמועסן א מוסר־השכל — און דערביי מוזן מיר געדענקען, אז אינעם מוח און שמועס פון פּשוטן ייד געפינען זיך לרוב א סך לאָגישע עלעמענטן און אמתן.

די „בילדער און סקיצן" זענען פול מיט די עלעמענטן און אמתן. זיי געפינען זיך אין רוב שמועסן פון פרצן מיט די דאָרטיקע יידן, וואָס

זייערע באַדינגונגען האָבן זיי געניוט צו דעם סוראָגאַט פון רייכקייט — די דיאָגענעזישע אָרימקייטס־פילאָזאָפיע.

דאָס איז אין תוך דער אמתדיקער אויסדרוק פון אונדזערע באַדינ־גונגען, וואָס האָט אַרויפגעלייגט אַ חותם אויף אונדזער מענטאַליטעט, געדאַנקען־גאַנג און לעבנס־סטיל.

3

פרץ, ווען ער באַהאַנדלט אין זיינס אַ שאַפונג דעם סאָציאַל אונ־טערדריקטן, געדענקט ער קודם כל אין זיין עסן, אין זיין טאָגטעגלעך ברויט און לעבנס־באַדינגונגען, אין דעם פרט, וואָס רעגולירט און געשטאַלטיקט די מענטשלעך אויסערלעכע עסטעטיק און אינערלעכע נשמה.

אַ זעלטן משל אויף דעם איז זיין „באָנציע שוויג", וואָס איז אַ קינסטלעריש געמעל פון אַ מענטש, וואָס אין זיין אינגעווייד ליגט באַהאַלטן אַ קליינלעך פשוטער פאַרלאַנג פון האָבן אַ זעמל מיט פוטער. דאָס לעבן ליגט אָבער אַרויף איין פלאַסטער אויפן אַנדערן, פאַרבאַריקאַדירנדיק דעם באַהאַלטענעם פאַרלאַנג, ביז ערשט אַן אונטערזוכונג וואַרפט אָפּ די אַלע פלאַסטערס, דעקט אויף באָנציע שוויגס איינציקן פאַרלאַנג:

„נו אויב אַזוי —שמייכלט באָנציע— וויל איך טאַקע אַלע טאָג איינדערפרי אַ הייסע בולקע מיט פרישע פוטער".

און באָנציע שוויג פאַרלאַנגט ערשט דאָס נאָכדעם, ווען מען זאָגט אים:

„אַלעס איז דיין, אַלעס אין הימל געהערט דיר, קלויב און נעם, וואָס דו ווילסט, דו נעמסט נאָר ביי דיר אַליין".

פרץ וואַרפט דאָ די לאָזונג פון שאַפן באַדינגונגען, אַז די באָנציע שוויגס, וואָס זענען דאָ אָן אַ שיעור, זאָלן קודם כל האָבן די מעגלעכקייטן צו באַקומען אַ שטיקל געבעקס.

און דאָס טוט דער זעלבער פּרץ, וואָס האָט זיך ליב צו גריבלען אין דער מענטשלעכער נשמה און פּנימיות.

ווייל ווי זאָגט דאָס אים איינער אין א דיסקוסיע:

„איר האָט ליב רבנים, צי צדיקים, וואָס האָקן אליין האָלץ
און הייצן ביי אָרימע אלמנות".

(„שטעט און שטעטלעך")

* * *

„ס'עקזיסטירן צווייערליי שריפטשטעלער, אזעלכע וואָס שרייבן פאר דער זאך און אזעלכע, וואָס שרייבן פארן שרייבן", אזוי הייבט אָן שאָפּענהויער זיינס אן אָפּהאנדלונג.

פּרצעס סאָציאלע דערציילונגען זענען נישט געשריבן בלויז לשם שיין־שרייבעריי, נאָר אויך צוליב אידעאישע טעמים. ער האָט דאָרט אויך געמיינט „די זאך" *). ער האָטביידע פּרטים פארבונדן.

מען זעט, אז ער האָט גוט פארשטאנען און געזען די צעווילדעוועטע פּירות פון קאפּיטאליזם, אָבער דערביי איז זיין מעלה, וואָס אויסנוצנדיק די אָפיציעלע דאָקטרינערישע באגריפן, האָט ער נישט פארגעסן אין זיין אייגנארטיקן קינסטלערישן צוגאנג.

כאָטש ער האָט ביי די סאָציאלע מאָטיוון איבערגעטראָגן דעם לייענער „מיט איין פעסטער באוועגונג אין אן אנדער ווירקלעכקייט" און כאָטש ער האָט דאָ געמיינט צו שרייבן „פאר דער זאך" — פונדעסטוועגן האָט ער נישט פארגעסן אין זיין ספּעציפישן לבוש, כאָטש אזוי איז אים געלונגען אריינצוגיסן זיין קונסט און ליטעראַרישן ארטיזם.

דאָס איז די סיבה, וואָס זיין סאָציאלע טענדענץ איז אזוי אמתדיק און איבערציינגנדיק.

ווייל קונסט איז אמת.

---

*) י. ש. (ד"ר יעקב שאצקי) ברענגט אין „פּנקס" (באנד 1, העפט 4, 1928), אז צו פּרצעס בוך „באקאנטע בילדער" האָט יעקב דינעזאָן געשריבן א הקדמה, ווו צווישן אנדערע געפינט זיך אזא פּאַסוס: „פּרץ שרייבט נישט צו הנפּענען דעם גראָבן געשמאק פון די נידעריקע קלאסן לייענער, פארקערט, ער וויל אים פארפיינערן און אויסבעסערן". די הקדמה איז געשריבן אין יאָר 1894. שוין דעמאָלט האָט זיך געמערקט פּרצעס אידעאישער צוגאנג צו ליטעראַטור.

VIII

גאָט איז אָנוועזנט

1

נאָך די שטומע נשמות געהערן פּרצעס חסידישע געשטאַלטן און קאָנצעפּציעס צו די טיפסטע און קלאָרסטע פון זיין גאַנצער שאַפונג.

פּרץ האָט אויסגענוצט פאַרשידענע חסידישע מעשיות —וועלכע ער האָט זיך מסתם אָנגעהערט און אָנגעלייענט— און אַריינגעגאָסן אין זיי זיין אַרטיזם.

ער האָט נאָר אין דער אַקציע געמאַכט איין פּרינציפּיעלן אונטערשיד.

דאָס פרומקייט אויסגעטוישט אויף גלויבן און דערביי אַלס קינסטלער נישט פאַרגעסן אויסצונוצן אַלערליי אַרטיסטישע עפעקטן.

דאָס רוב שרייבער זענען ביי דער חסידישער טעמאַטיק אַריינגעפאַלן אין אַ סאַטיריש איראָנישער שטימונג און זייערע העלדן באַהאַנדלט מיט אַן אַריאָסטישן שמייכל.

אָבער פּרצן האָט דערפון אָפּגעהיט זיין מעטאַפיזישע לעבנס־אָנרע־גונג, וואָס איז דורכאויס געווען אַ ספּיריטואַליסטישע; זי האָט געהערט צו דעם סוג, וואָס מיר רופן אָן פּאַן־פּסיכיזם, ווו אַלץ לעבט מיטן גייסט פון גאָט — ווי אויך דאָס, וואָס אים האָט נישט פאַראינטערעסירט דער פּראַקטישער צדיקיזם מיט זיין אויסערלעכקייט (דער בעסטער סימן, אַז אין „שטעט און שטעטלעך”, ווו ער טרעפט זיך שוין מיט רעאַליעס, חוזקט ער אָפּ פון חסידישן לעבן), נאָר די טיפע אינערלעכקייט פון דער באַוועגונג

און נישט רעכענענדיק זיך מיט די אָנגענומענע מיינונגען, האָט ער זי אָפּגעשפּיגלט אין זיין „חסידיש" *).

אזוי האנדלט א פּערזענלעכקייט וואָס לאָזט זיך נישט באאיינפלוסן פון דער געזעלשאפט, נאָר להיפך, ער וואַרפט איר נאָך אויף זיין מיינונג.

דאָס זענען מעשים פון אן ארטיסט, וואָס פילט אין זיך קראפט און אָריגינאַליטעט.

און פּרץ, דער יידישער קולטור־מענטש, האָט פארשטאנען — אז מען דאַרף דער חסידישער וועלט און עפּאָכע מקריב זיין אזויפיל מי און צייט, וויפל מען נוצט למשל אוים, בכדי ארויסצוברענגען די רעליגיעזע קולטור פון אלטן גריכנלאנד.

און דערפאר זעט ער אין ר' לייב שרהס „די קווינטעסענץ פון אונדזער גלות־ציוויליזאציע" („הארץ" — ליטעראטור און לעבן).

מיר האָבן דאָרט אן ערשטקלאסיקן היסטאָרישן קאַלאָריט מיט העלדן, זעלטענע ארטיסטישע קרעאציעס.

אויף דעם געביט איז ער געווען דער ערשטער און בעסטער.

---

*) אז פּרץ האָט נישט געהאט קיין שייכות צו דעם פּראקטישן חסידות און אז אים האָט דאָרט נאָר צוגעצויגן דער מעטאפיזישער תוכן און זיין מיסטיש געמיט, איז דער בעסטער באווייז זיין בריוו צו ד"ר צינבערג (3.12 1911), וואָס האָט זיך צו אים געווענדט נאָך ביאָגראפישע פּרטים פאר דער יידיש־רוסישער ענציקלאָפּעדיע, צ. א. שרייבט ער דאָרט: „כ'בין קיינמאָל קיין חסיד נישט געווען און קיינמאָל קיין משכיל נישט געוואָרן. נאָך „מורה נבוכים" און אנדערע איז געקומען די צייט אויף קבלה־ספרים. א גרוים בית המדרש ביי אונדז, גרויסע שענק ספרים, איז מען טאפּנדיק און זוכנדיק צוגעקומען צו דער שאנק ספרים, וואָס „קבלה" האָט מען גערופן... האָט מען געלערנט. אייגנטלעך געלייענט. איך האָב געוואָלט וויסן, ווי אזוי דער מקובל, שפּעטער דער חסיד, טראכט און לעבט. ווי פריער — ווי אזוי דער פילאָזאָף. איך האָב ביז היינט קיין רבין פאר די אויגן נישט געזען (מיין קורסיוו — י. וו.), אויסער דעם ביאלער, צו וועלכן איך האָב געהאט א כלל־ישראל געשעפט. קיינמאָל צווישן חסידים נישט געלעבט (מיין קורסיוו — י. וו.): פּטור בלא כלום אי אפשר, געווירקט מין הסתם האָבן אי חיים וויטאַל, אי נחמן קראָכמאַל, אי דער שפּעטערדיקער אפּיקורס. נאָר אינערלעך בין איך געווען און געבליבן ייד, מיט א יידישער, מער אָדער ווייניקער קלאָרער, ביבלישער וועלט אָנשויאונג".

(ביי רוב בריוו בין איך זיך סומך אויף דער בריוו־זאמלונג ארויסגעגעבן דורך נחמן מייזל).

כאָטש די טיפּן האָבן נאָך פון פריער געלעבט, האָט אָבער זיי אונדז געוויזן ערשט פּרץ.

האמלעט, דאָן קישאָט און פאאוסט האָבן אייביק עקזיסטירט, ערשט שעקספּיר, סערוואנטעס און געטע האָבן זיי געמאכט פאר לעבעדיקע געשטאלטן.

דאָס זעלבע האָט פּרץ געטון מיט דער חסידישער געשטאלט.

2

זיינע חסידישע דערציילונגען זענען פאר עקסעלאנס א גרויסע שאלה וועגן דעם: פון וואנעט, וווּהין און צוואָס.

די העלדן זוכן דעם זין און ציל פון זייער לעבן, פון זייערע שאלות, אויף וועלכע דער שכל איז נישט פעאיק צו געבן קיין תשובה.

די דראמאטישקייט פון זייער קאמף, השקפה און בליק איז דער גלויבן, וואָס מאכט די דערציילונג אזוי שפּאנענדיק, גרוים און טיף.

אמונה איז דער צענטראל־פּונקט פון זיינע אלע דערציילונגען *). דורך פארשידענע וועגן און סטעזשקעלעך קומט דער העלד פון „חסידיש" צום גלויבן, ביז ער קאָן שוין ענדלעך זאָגן, אויב ער דארף למשל פּרנסה:

„און עס וועט מוזן זיין פּרנסה, עס איז דאָ א גאָט אויף
דער וועלט, גוטע יידן וועלן אויך נישט שווייגן". (בטחון)

אָט צו דעם לאָגישן סילאָגיזם ברענגט אים זיין גלויבן. אויב ס'איז דאָ א גאָט מיט גוטע יידן, וועט שוין ממילא זיין פּרנסה.

זיינע חסידישע דערציילונגען האָבן אין זיך א שלל פון זעלטענע סענטענצן, ווי למשל:

---

*) צו דוד פּינסקי שרייבט פּרץ: „א מענטש אָן גלויבן קאָן נישט לעבן" (ייוואָ בלעטער, ב. צוועלף. נר 1-3, זייט 170):

י ו ס ף   ו ו אָ ל ף

„איבער א בארג פאלט מען נישט...
געשווינדער איבער ק ל יי נ ע תאוהלעך".

(„איבער א שמעק טאבאק")

„גאָט איז לעבן, גאָט איז פרייד".

(„קין און הבל")

בכלל איז פרצן נישט אזוי נאָענט דאָס חסידישע לעבן ווי נאָר זיין געדאנקען־גאנג. מיט א זעלטענער שפּראך ברענגט ער ארוים זייער לעבנס־סטיל:

„דער גאון — ער איז דאָך געווען א למדן מופלג, טאקע א גאון, און איז היינט פּאָרט אין א קליינער מדרגה... ער זיצט אין פּאָדער־הויז פון גן־עדן, איבער א ש״ס גמרא און לערנט און דאָס הארץ טוט אים ווי, זעענדיק, ווי פּראָסטע מענטשן, וואָס קענען קוים עברי, שפּרינגען איבערן אריבער גלייך אין גן־עדן. וואָרום באמת, זאָגט ער, דער עיקר איז כוונה און אמונה... אמונה אין זיין ליבן נאָמען..."

מיט „דער אמונה אין זיין ליבן נאָמען" לעבט ער און פילט אוים דעם טאָג, די שעה, די מינוט.

פשיבישעווסקי האָט אמאָל געשריבן וועגן א גרויסן פוילישן דיכ־טער —דאכט זיך איבער קאספּאראוויטשן —, אז „ער האָט דער ערד צו־ריקגעגעבן איר פוילישן כאראקטער".

מיר קאָנען ווידער אויך זאָגן, אז פרץ האָט דער יידישער דערציילונג צוריקגעגעבן איר מעטאפיזישן כאראקטער *).

---

*) „די תאוה צו קליידער", „דעם רבינס ציביק", „א שמועס", „שהשמחה במעונו", „תורה", „בערל דער שניידער", „נסים ונפלאות"; „אויב נישט נאָך העכער".

3

דער ארטיסט דארף אויסזוכן די טעמע לויט זיין איינענער פאנ־טאזיע, זיינע ספּעציעלע נייגונגען און לויט זיין טעמפּעראמענט.

בפרט די פילאָזאָפיע פון קונסט ווייזט אָן, אז אויפן ערשטן אָרט דארף זיך אין דעם קונסט־ווערק אָנזען און אָפּפילן דער דיכטערישער אינדיווויד.

פּרץ האָט נישט בלויז אָפּגעשפּיגלט ליטעראריש די חסידישע וועלט, קולטור און מענטאליטעט, נישט בלויז זיך פארטראכט איבער דעם שטאָלצן עקשנות פון דעם יחיד, ער — דער עסטעט — האָט אויך געזאָרגט פאר דעם קינסטלערישן ניואנס און דערצו איז נאָר נויטיק געווען ארייננצוגיסן אין די שאפונגען זיין פאנטאזיע, זיינע נייגונגען און זיין טעמפּעראמענט.

די דריי פּרטים האָבן דערהויבן דאָס בוך „חסידיש" צו א קינסטלע־רישער מדרגה.

וואָרום נאָר זיין ארטיסטישע, דיכטערישע וויזיע האָט געקאָנט באַ־ווירקן אויפצונעמען אויף אזא טיפן און מעטאפיזישן אופן דעם תוכן פון מוזיק, ווי מיר זעען עס ביי פּרצעס דערציילונגען *).

דעם מאטאפיזישן באטייט פון מוזיק האָבן שוין דערפילט א סך גרויסע גייסטער און פּרץ, ווען ער האָט זיך געפונען ביי דעם ראָמאנטישן ווינקל פון מעטאפיזיק — דעם חסידות — האָט טאקע דאָרט ארויסגעברענגט די גלויביקע יסודות פון מוזיק **). די מוזיק פון זיין פּנימיות און וועזן.

---

*) כאָטש פּרץ אליין — לויט דעם עדות זאָגן פון זיינע באקאנטע, ווי זיין קרובה ראָזא לאקס־פּרץ („ארום פּרצן") א"א האָט נישט געקאָנט זינגען, האָט ער דאָך קינסטלעריש באנ. מען מוזיק.

אגב קאָנען מיר דאָס אָבסערווירן ביי א סך גרויסע שרייבער, וואָס האָבן געהאט א גוט פארשטענדעניש פאר מוזיק און אליין נישט געקאָנט זינגען, ווי געטע, די ברידער דע גאָנקור א"א.

**) „מקבלים", „משנת חסידים", „א גלגול פון א נגון".

IX

פראַמעטעאוס זוכט זיינס גלייכן

1

פּראַמעטעאוס דער טיטאַן, וואָס איז וויכטיקער געבן דער וועלט ל י כ ט, צו דערהייבן דעם קולטורעלן ניוואָ פון דער מענטשהייט, איידער זיין פּריוואט לעבן, גליק און צופרידנקייט, איז שוין א שם דבר אין דער געשיכטע פון דער וועלט־ליטעראַטור.

פּראַמעטעאוס ליידט פאר דער מענטשהייט און איז זיך פאר איר מוסר נפש.

ער איז אין זיין ליידן שטאַרק, ווייל ער פילט, אז ער טוט דערמיט גוטס — און זיין עקשנות, זיין מסירת נפש איז דערפאר איבערמענטשלעך.

זייענדיק צוגעבונדן צום פעלז, ווערט זיין גייסט נישט שוואכער און געפינענדיק זיך שוין פארן שאול־תחתית, זאָגט ער זיך נישט אָפּ פון זיין מיסיע.

וואָרום פּראַמעטעאוס מיט זיינע עפיגאָנען האָבן צו דערפילן א מיסיע.

ווען מיר לייענען פּרצעס דערציילונגען, באמערקן מיר אין א סך פון זיי דעם שטריך פון קדוש השם.

דאָס אלץ ווערט נאָך פאר אונדז קלאָרער און פארשטענדלעכער, ווען מיר ווייסן, אז די פּרצישע פּראַמעטעאוס־קדוש־השם סצענעס זענען אויסגעפילט דורך א דיכטער, וואָס איז אין זיין פּאָעטישער איינשטעלונג געווען אליין בבחינת־פּראַמעטעאוס.

ביי דעם פאל האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן דער שעפער און די טעמע.
פּראָמעטעאוס דער דיכטער — פּראָמעטעאוס דער העלד.

דער רוב קינסטלער ווילן אויך אין זייערע שאפונגען דערזען זיך אליין.
למשל פלאָבער זאָגט וועגן זיין „הייליקן אנטאָן", אז ווען ער האָט אים געשריבן, איז ער אליין געווען אין דער הייליקער מדרגה.
דאָס טוט טאַקע יעדער שעפער, יעדער געניאלער, אָדער סתם גרויסער קינסטלער.
ער וויל דערזען זיך, זיין אינגעווייד, ער וויל דערקענען יעדן קלענסטן פּרט פון זיין גייסטיקער געשטאַלטונג און דערצו העלפט אים צו דער העלד, ביי וועלכן ער קאָן לפנים זיין אָביעקטיוו און אומפּאַרטייאיש.
דאָס איז די געניזע פון די קדוש השם מאָטיוון ביי פּרצן *).
פּראָמעטעאוס איז געגאַנגען זוכן זיינס גלייכן...

2

מיר וועלן איצט נאָכגיין אויף דעם פּרצישן שאָסיי און צוזאַמען מיט אים געפינען די מענטשן, די פאַרבאָרגענע יחידים, וואָס זייער גאַנץ לעבן איז א קייט פון אידעאליזם, מסירת נפש און קדוש השם.
דער שאָסיי איז גאָר לאַנג און ברייט אין די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" און פון איר גייען ארויס שוין קלענערע און שמעלערע וועגן, וואָס האָבן זייער אָנלען אין פּרצעס אנדערע ביכער.
און עס איז קיין וווּנדער, וואָס דעם געהויבענעם געדאנק פלעכט ער אריין אין זיינע פאָלקס־דערציילונגען, ווייל דאָס פאָלק איז דאָך דער עלעמענט, וואָס איז פּרעדיספּאָנירט צו גרויסע טאַטן.
„איך גיי, איך גיי" רופט אויס דער גוסס, דער פּשוטער נחמנקע פון זבאראזש, בכדי צוגיין מיטליידן מיט די געפּלאָגטע אין גיהנום („ביים גוסס צוקאָפּנס").

---

*) אין זיינס א בריוו צו שלום עליכם (7.6.1888) שרייבט פּרץ „איך שרייב צוליב זיך".

אויב פּערל און טוביה („זיבן גוטע יאָר") באַקומען אַ גרויס פאַר־מעגן נאָר אויף זיבן יאָר, פאַרנוצן זיי דאָס געלט אויסשליסלעך אויף שכר־לימוד פאַר די קינדער און פון דעם רעשט זענען זיי לגמרי נישט נהנה:

„ווייל וואָס אַ מענטש פאַרדינט מיט זיינע צען פינגער, דאָס איז זיינס און אַזאַ עשירות, וואָס קומט אָן שווייס און אומגע־ריכט, איז נאָר אַ פּקדון, וואָס זיין ליבער נאָמען לאָזט איבער ביים מענטשן אין די הענט פאַר אָרימעלייטס וועגן".

און פּרץ ווייזט אונדז באַלד, אַז מענטשלעכער אידעאַליזם גייט נישט פאַרלוירן, מען צאָלט דערפאַר:

„און דאָס ב"ד של מעלה האָט געפּסקנט, אַז קיין בעסערער בעל־פּקדון איז נישט פאַראַן. און די זיבן גוטע יאָר האָבן זיך נישט אויסגעלאָזט, כל זמן טוביה מיט זיין ווייב פּערל האָבן געלעבט" —

צו קדוש השם קאָן צוברענגען גלויבן.
און דערפאַר האָט פּרץ באַשאָנקען זיינע העלדן מיט אַזאַ גרויסער מאָס אמונה, ווייל זי איז דער הויפּט־גורם צום העראָאישן אידעאַליזם.
זיינע העלדן האָבן זיך אויסגעלערנט — לויט דער טעאָלאָגישער דע־פיניציע — דעם „מאָדוס קאָנגאָסצענדי עט קאָלענדי דעאום" צו דערקענען און צו לויבן גאָט.
ווען שמערל האָלץ־העקער („דער אוצר") בעט ביי גאָט הילף, קומט זי מיט אַ נסיון, אין שבת... ווען מען טאָר אפילו נישט טראַכטן וועגן עסקים... שמערל קומט אָבער ביי אַלע נסיונות און וואַרט געדולדיק ביז נאָך שבת, נאָך הבדלה:

„האָט ער זיך אָראָפּגעבויגן אונטערן בעט און אויפגעהויבן דאָס כאַלאַטל, איז אונטן טאַקע געלעגן אַ זאַק מיט אלפי אלפים דינרין... און ער איז טאַקע געוואָרן אַ גביר שבגבירים. און ער

האָט שוין אָפּגעלעבט אין נחת די יאָרן. נאָר דאָס ווייב פּלעגט
אים אלעמאָל אין נחת פאָרוואַרפן: רבונו של עולם, ווי האָט
עס א מענטש א הארץ ווי א שטיין, א גאנצן זומער־טאָג א וואָרט
נישט צו זאָגן; פאַרן אייגענעם ווייב קיין איינציק וואָרט".

אָט צו אזא „שטיינערן הארץ" קומט מען צו דורך גלויבן, וואָס באַ־זירט נישט אויף צו טון מצוות, נאָר דער ציל פון דער אמונה איז צו דער־הייבן זיין אייגן געמיט און גייסט.

פּרצעס העלד איז נישט דאָגמאַטיש, ער האָט א גאנץ נישט פערזענלעכן גאָט לויט עפּעס א בודאאיסטיש־טאָלסטאָיאנישער אויפ־פאסונג *).

אין דער פּאָעטיק האָבן מיר צווייערליי טיפּן: דיכטער, וואָס שרייבן רעפלעקסיוו און דיכטער, וואָס שאפן אין עקסטאַז.

אויב פּרץ איז געווען געבענטשט מיטביידע מדות, זענען אָבער זיינע קדוש־השם־סצענעס געשריבן אויסשליסלעך אין עקסטאַז, לויט דעם שטייגער פון פראָ אנדזשעליקאָ, וואָס האָט קניענדיק געמאָלן קריסטוסן.

יעדע ארטיסטישע טעטיקייט איז אָפּהענגיק פון דער גייסטיקער אָר־גאניזאציע און ארטיסט־מענטש.

פון זיינע שאפונגען דערקענען מיר לרוב זיין מאָראלישע פיזיאָנאָ־מיע און פּסיכישע יסודות.

אין דעם אידעאַלן העלד, אין דעם יחיד, וואָס איז זיך מקריב פאר דער אידיי, פאר זיין גלויבן, האָט פּרץ נאָר געוואָלט זיך דערקענען.

דאָס אלץ האָט ער געפאָדערט פון זיך אליין.

פּרץ, דער איידעלער און גרויסער גייסט איז געגאנגען זוכן זיינס גליכן, בכדי מיט בשותפותדיקע כוחות צו דערהייבן זיך צו א העכערע מדרגה.

---

*) „דריי מתנות", „דריי קיכלעך", „איבער א שמעק טאבאק", „לא תחמוד", „נסים אויפן ים", „דער קובצן־מאכער", „א קאפּיטל תהילים".

X

עאָטערפּע איז טרויעריק...

1

אין פּרצעס „די צייט" געפינט זיך אזא פּאסוס:

„האָב נישט ליב דעם ים, ווען ער לאשטשעט זיך צו דיר ווי א קאַץ, נאָר ווען ער וועקט זיך אויף אלס לייב".

(„צום נייעם יאָר")

דאכט זיך, אז מען קאָן דעם זאַץ פּאראפראזירן וועגן פּרצעס דערציילונגען און לידער.

אינדערצייט ווען צו זיינע דערציילונגען שטייט ער אויף ווי א לייב, ווען ער ברענגט זיי ארויס אויף דער הויך קינסטלערישער זייט — לאַשטשעט ער זיך ביי דער דיכטונג, ווי א קאַץ...

דאָרט איז ער גרויס, דאָ מיטלמעסיק.

דאָרט איז ער אָריגינעל, דראמאטיש און כאראקטעריסטיש, דאָ גייט ער נישט ארויס פון דעם אָנגענומענעם וועג, אויף וועלכן ס'האָבן שוין געטרעטן צענדליקער דיכטער.

זיין ליד איז דער „לעוו ווערסוס" אין פּשוטן זין פון וואָרט.

די דיספּראָפּאָרציע פון זיין ארטיסטישער דערציילונג ביז פּשוטער דיכטונג איז צו גרויס.

אין זיינע לידער פילט זיך א סך מאָל די שטאַרקע אומבאַהאָלפנקייט פון גרויסן דיכטערישן אינטעלעקט און עסטעט.

די זעלבע פּאָעטישע קראַפט, דאָס זעלבע דיכטערישע געמיט איינ־געגלידערט, אָדער איינגעוועבט אין פּראָזע, איז אלף אלפי אלפים שטאַר־קער, קרעפטיקער און העכער.

טאַקע העכער, ווייל אין דעם איז דאָך אים תמיד געגאַנגען.

א סך מאָל רייסט זיך דירעקט אַרויס אין זיינס א ליד א שיינער גע־דאַנק, ער ווערט אָבער בלאָסלעך באַהאַנדלט.

מען דערפילט קוים זיין טיפקייט.

בשעת אין פּראָזע איז זיין עגאָצענטריזם שטימונגספול, רייף, אָנגע־נעם און גרויסצוגיק — איז אָבער דער זעלבער געניוס פּרימיטיוו אין דער דיכטונג.

ער האָט נישט די ברייטקייט, די ספּעציפיש־פּרציש[e] ברייטקייט.

זיין פּאָפּולער ליד „מאָניש" איז ס'בעסטע משל פון פּרצעס לידער אומבאַהאָלפנקייט.

עס איז געניוס איבערצולייענען א דריי, פיר זיינע דערציילונגען, בכדי זיך באַלד צו איבערצייגן, אז דער זעלבער „מאָניש" וואָלט אין פּרצעס דיכטערישער פּראָזע אויסגעקומען א סך קרעפטיקער און עקספּרעסיווער.

פּרץ אליין האָט עס געמוזט דערפילן, דער בעסטער סימן, אז ער האָט „מאָנישן" נאָכאַמאָל באַאַרבעט *).

ס'האָט אָבער ווייניק געהאָלפן.

און א שאָד איז עס שוין צוליב דעם, וואָס „מאָניש" איז דאָך, ווי פּרץ אליין זאָגט עס, זיין פּראָטאָטיפּ.

פּרץ, דער מייסטער פון די „פּאָלקסטימלעכע געשיכטן", שרייבט אָן א ליד א"נ „פּאָלקס־מאָטיוו", זעט עס אַזוי אויס:

*) פּרץ אליין האָט אפילו געטענהט, אז ער האָט דערפאַר איבערגעאַרבעט „מאָנישן", ווייל שלום עליכם האָט די באַלאַדע אַרומגעשניטן און אָפּגעדרוקט, און דעריבער „האָט די באַלאַדע געליטן פון רעדאַקטאָרס שער און פעדער, די געקרענקטע איינגליבע האָט מיך באַוויזן איבערצושרייבן און גוטע פריינט אי־בערצודרוקן". יעדנפאַלס איז פּסיכאָלאָגישער אויסגעהאַלטן די אויביקע טעזע.

י ו ס ף   ו ו אָ ל ף

שטיינערנע פּאַלאַצן,
אייזערנע באַלקאָנען,
טרעפּ פון ווייסן מאַרמאָר,
גאָלדענע סאַלאָנען.

קריסטאַלענע זשיראַנדאָלן
בלאַנקען דורך שויבן...
דאָרט וועט מיין געליבטער
זיך א כלה קלויבן.

זיך א כלה קלויבן,
שענער און געזונטער...
און איך וועל דאָ פוילן
ווי א בלאַט אין ווינטער.

און אדרבא, מיט וואָס איז דער פאָלקס־מאָטיוו — כ'אַקצענטיר ביי פּרצן — דאָ פאַרטרעטן?

אָדער „אין קבר". דאָס ליד איז — אָדער בעסער געזאָגט, דאַרף זיין א באַלאַדע.

וואָס איז פון דעם ארויסגעקומען?

מען פילט, ווי פּרץ האָט גוט באַנומען דאָס וועזן און די כּללים פון דער באַלאַדע, אָבער פּראַקטיש איז עס זייער ווייט פון דעם ליריש־עפּישן פּערז.

שוין בעסער איז די באַלאַדע „ר' יאָסל". אָבער פאַרגלייכנדיק זי מיט דער שטאַרק טעמאַטישער פּאָטענץ, קומט שוין דער פּערז געגנוג אָנגע־מיש ארוים.

ביי פּרצן זוכן מיר דאָך אָבער נישט קיין דורכשניטלעכע רייד. עס איז פאַרשטענדלעך, אויב פּרץ האָט אָנגעשריבן:

„געבליט האָבן מירביידע אַמאָל
טאָקע ווי רויזן א פּאָר

ל י י ע נ ע נ ד י ק   פ ר צ ן

און יעדן אָוונט געגלעט
האָב איך די זיידענע האָר".

פארשטייען מיר, אז ער האָט געהאט א שטימונגס־מאָמענט, וואָס האָט געשטויסן צו דעם תוכן — אָבער דאָס זעלבע באארבעט אין זיין ליד אין פּראָזע („א ליבע", „גיי נישט מיט מיר", „עס זענען קיין וווּנדער געשען" א"א) האָבן אסך מער לירישע עקספּרעסיעס און ווייכע טאָנאציע.

בעסער זענען שוין זיינע אפּאָריזמען, אָדער די סאטירישע לידער, ווי דאָס היינישע ליד ווערט פּשוט קאָפּירט:

איך — האָב געוואָלט זי שטודירן,
זי האָט געוואָרן געוואָלט.
איך האָב געמיינט — זי קאָן פּ י ל ן,
זי — אז מיין קייטל איז גאָלד.

אין לאָמבארד איז זי דאָך ערפאָרן,
מיין קייטל איז טאמבאק און ה ו י ל:
איך, אז איך האָב מיך פארשפּעטיקט,
איר הארץ איז פארברענט שוין אויף קויל.

מיר זענען זיךביידע צעגאנגען,
געזאָגט זיך א קאלטן „אדיע",
פארשידענע וועגן גענומען
און דאָך טוט דאָס הארץ אזוי וויי".

אָבער נישט שטענדיק האָט ער גוט איבערגעדיכטעט, דער בעסטער סימן זיין איבערגעדיכטעט קליין ליד פון גרויסן קאפּ. ל"ג אין יחזקאל. דאָס ליד האָט נישט די נביאישע קראפט פון אן איבערזעצונג.

ביי די איבערזעצונגען פון די חמש מגילות האָט פּרץ שוין ארויס־

געוויזן מער דיכטערישן עספּרי, ווייל למשל דאָס איבערזעצן געקליגטע רייד פון קהלת איז סתם א רייך מאַטעריאַל פאר פּרצן דעם אינטעלעקטואַליסט.

ווי ווייט פּרץ האָט זיך באמיט צו דערגרונטעווען די מגילות־איבערזעצונגען, איז דער בעסטער באַווייז דאָס, וואָס זיי זענען פון אים געשריבן אין פאַרשידענע וואַריאַנטן *).

די איבערזעצונגען פון ביאַליקס לידער זענען שטאַרק געלונגען. ער האָט דאָרט אַרויסגעברענגט דעם ביאַליקישן געמיט.

אין דער איבערזעצונג דערשנאַפּט מען דעם אָריגינאַל.

זיין שטאַרקע קינדער־ליבע האָט אים מסתמא צוגעהאָלפן, וואָס זיינע קינדער־לידער זענען לרוב געלונגען.

זיין אַרטיקל „געדאַנקען איבער ליטעראַטור" ענדיקט זיך אַזוי:

„דאָס דיכטן מוז זיין אָריגינעל, א פּערזענלעכע שעפּפונג.

פּאָעזיע איז פּערזענלעכקייט".

פּרץ, דער דענקער און שרייבער איז געווען א גרויסע פּערזענלעכקייט, אָריגינעל און געהאַט „פּערזענלעכע שעפּפונג" און דערפאַר האָט ער פ א ר ש ט אַ נ ע ן די אויפגאַבע און פּראַכט פון פּאָעזיע, אָבער צום באַדויערן נישט געקאָנט אויספירן.

פּאַראַלעל צו זיין פּראָזע־שאַפונג קאָנען מיר האַלטן זיינע לידער פאַר „שפּילזאַכן", ווי האָראַץ האָט גערופן זיינע פאַקטיש גרויסע לידער **).

* * *

---

*) אנסקי באַמערקט אין זיינע זכרונות וועגן פּרצן (די יידישע וועלט 1915, פּרץ נומער), אַז זיין קהלת־איבערזעצונג האָט ער איבערגעאַרבעט 67 מאָל.

**) צו יהואש שרייבט פּרץ: „היינע... איך פאַרשעלט די טעג, ווען איך האָב'ם געלעזן און די זאַכן, וואָס איך האָב אים נאָכגעמאַכט". צו ד. פּינסקין שרייבט ער אויך: „דער אַלטער היינע האָט ביי מיר שוין לאַנג דעם חן פאַרלוירן, מיר ווייניקסטנס האָט ער פיל שאָדנס געמאַכט" („ייוואָ בלעטער", ב. 12, נר: 3-1, זייט 169 און 173). א בפירושער באַווייז, ווי ווייט פּרץ האָט פאַרשטאַנען, אַז זיינע לידער זענען נישט געווען „א פּערזענלעכע שעפּפונג", אַז ער איז דאָ געווען אונטער א פרעמדן נישט געווונטשענעם איינפלוס.

לייענענדיק פּרץ

איך דערמאָן זיך דאָ מאַנטעגניאַס בילד אין דער גרויסער גאַלעריע
פון פּאַריזער „לוווּר" א"נ „דער פּאַרנאַס":
כ'זע פאַר מיר דעם אָלימפּישן פּייזאַזש, מאַרס און ווענוס שטייען
אין דער הויך און זיי צופוסנס געפינען זיך אַלע מוזעס — און אַפּאָלאָ
שפּילט זיי צו אויף זיין לירע.
און מיר דאַכט זיך, אַז היינט איז 19 טאָג אין ניסן.
קליאָ — די מוזע, וואָס וואַכט איבער דער געשיכטע, איז פאַרטראַכט
און קלערט זיכער וועגן פּרצעס היסטאָרישע פאַרדינסטן פאַר דער יידישער
קולטור.
טערפּסיכאָרע טאַנצט מיט אירע גראַציעזע פיס דעם טאַנץ, וואָס
פּרץ האָט אין זיין „משנת חסידים" אַזוי פּרעכטיק באַשריבן.
מעלפּאָמענע רעציטירט מיט עקסטאַז פראַגמענטן פון „די גאָלדענע
קייט" און „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק".
פּאָלימניע לייענט הויך זיין בוך „חסידיש".
קאַליאָפּע איז פאַרטון אין די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן".
נאָר איין עאוטערפּע —די מוזע פון לירישן פּערז— שווייגט.
זי איז טרויעריק...

XI

מוח + הארץ = פרץ

1

ווען מיר לייענען די שאפונגען פון יצחק לייבוש פרץ, דערזעען מיר, אז א הויפט־שטריך פון זיין ווערק איז די מ ח ש ב ה.

פרצעס אינגעווייד איז געווען פול מיט קאנפליקטן, די וועלט מיט איר עקזיסטענץ און תוכן האט דאך אים געשטעלט טויזנטער שאלות און מיר קאנען דעריבער זאגן, אז די קאנפליקטן אלס פועל יוצא פון די שאלות האבן דאס באשאפן זיין וועלט באנעם — פונקט אזוי, ווי למשל פאסקאלן האט זיין אינערלעכע צעריסנקייט געבראכט קלארקייט און זיכערקייט.

קאנפליקטן און שאלות מוזן האבן א צ י ל און דאס אן אידעאישן.

ווייל נאר דער עם־הארץ איז א סתם מקשה, דער קולטיווירטער טיפ זוכט שוין תוכן און פראבלעמאטיק, דער גייסט — א לייזונג.

אט דאס איז פרצעס צ י ל.

פרץ האט זיך באמיט ארייננצופלעכטן דאס פילאזאפישע אין א סך פון זיינע ארבעטן, נישט וועלנדיק זיין בלויז שרייבער, וועלכן מען לייענט, בכדי צו פארברענגען אנגענעם צייט. און דעריבער האט ער אין זיינע שאפונגען ארייגעגאסן זיין אינטעלעקטועלע קאנסעקוועניץ און וועלט־השקפה.

דאס האט גורם געווען, וואס אינדערצייט ווען אנדערע גאונים האבן געהאט גייסטיקע פערמענטאציעס, איז ער געבליבן פולבלוטיק, האט ער זיין געדאנק אויסגענוצט מיט א קינסטלערישער ראציאנאליזאציע.

זיין קראפט אין געדאנק, זיין „עלאן וויטאל”, לויט בערגזאנס קלא־

סישן טערמין, באווייזט זיך אומעטום, ווו פּרץ האָט נאָר צוגעלייגט זיין פּעדער.

אויב ער רעדט אין דער „צייט" וועגן פּורים, איז עס א מין פילאָ־זאָפירן. אין דער פרייליכער מעשה ליגן באהאלטן אוצרות פון לעבנס־חכמה.

דאָס זעלבע אין „פיר דורות — פיר צוואות".

„קין און הבל" פאַרמאָגט הערלעכע סענטענצן בנוגע די אייביקע קאמפן, וואָס דער מענטש פירט. „דער פילפארביקער לאמטערן און די פיר פארביקע הינטעלעך" איז א זעלטן משל אויף מענטשלעך־לעבן און קאמף. פּרץ ווייזט אונדז דאָ, ווי ווייט דענקער ער איז געווען. מיט דעם משל וויל ער נישט, ווי געוועגלעך, פאַרבעסערן בלויז א חסרון, ער טראכט דאָ אדורך א קאָמפּליצירטע פראגן, וואָס מאכט דאָס מענטשלעכע לעבן שווער.

זיין ארטיקל „וועגן, וואָס פירן אָפּ פון יידישקייט" איז אדורכגע־דרונגען מיט פיינעם אינטעלעקטואליזם און קענטשאפט פון פּראָבלעם, מיר זעען דאָרט זיין טיף פארשטענדעניש פאר דער פראגע, וועלכע ער באהאנדלט.

פון זיינע אלע שורות שיינט ארויס דער ג ע ד א נ ק, ווייל ער האָט געהאט דעם שטארקן דראנג אויפצודעקן מיט זיין הילף אלע סודות, וואָס וווינען אין פנימיות און צו פילן זיך דערמיט נוצלעכער.

פּרץ האָט געוואָלט צוקומען צו דער גרויסער מדרגה פון קאָנען זיך רופן מ ע נ ט ש.

דער בעסטער סימן — זיינע העלדן, וואָס האָבן אין זיך די לעבנס־פילאָזאָפיע, וואָס דריקט זיך אוים אין דעם סינטעז פון סטאָאיציזם און קדוש השם, וואָס איר פּרינציפּ איז דער זיג איבער זיך.

און איך וועל דאָס כסדר איבערחזרן, אז נישט בלויז פּרצעס קונסט, נישט דווקא זיין טאלאנט נעמט אונדז אזוי שטארק אדורך, נאָר אויך זיין איך.

מיר שעצן אויך דעם מ ע נ ט ש פּרץ.

רעמבראנד האָט געזאָגט: דעמאָלט ווען כ'הער אויף צו טראכטן, הער איך אויף צו מאָלן.

טעין האָט ווידער געשריבן: איך מוז טראַכטן, פּונקט אַזוי ווי מיין מאָגן — עסן.

ווען מען לייענט פּרצעס ווערק גרינטלעך, ווען מען פאַרטיפט זיך אין זיינע ביכער, דעמאָלט זעט מען, אַז זיין עקזיסטענץ איז געווען אַ המשך פון זיין טראַכטן, אָדער זאָגן מיר אַנדערש, אַז זיין טראַכטן איז געווען דער יסוד פון זיין עקזיסטענץ און שאַפן.

וואָרום פּרץ האָט געטראַכט וועגן אַלץ און אַלעמען און אויסגעלאָ־דעוועט עס אין זיינע שאַפונגען.

אויב ער טראַכט וועגן פרייהייט פון מענטש, זעצט ער דעם געדאַנק שיין אַריין אין דעם משל „אין געמויזעכץ" (בכלל איז אים דער משל זייער נאָענט געווען. אין דעם אַרטיקל „די געלע פּרעסע" זאָגט ער טאַקע: „כ'בין אַ שטיק גלגול פון דובנער מגיד").

וויפל צאַרטקייט און קלוגשאַפט געפינט זיך אין דעם משל „לאָמפּן־מוסר". אַזויפיל חכמה אַרויסצולערנען פון דער טויטער נאַטור, אַזויפיל פערזאָניפיצירטע מעטאַפאָריק צו דערזען אין דעם טויטן לאָמפּ, איז ממש אַ חידוש.

ווי איבערציינגט ער אונדז מיט זיין גוט דורכגעטראַכט משל „די פרומע קאַץ", ווען ער זאָגט:

„אַז נישט מיט אַרבע מיתות בית דין פאַרבעסערט מען די זינדיקע וועלט".

אָדער אין זיין „דער פּרוש מיטן בער", ווו דער פּרוש אַרבעט מיט שוויים און בלוט, בכדי אויסצואיידלען און אויסצופיינערן דעם בער, אָבער:

„מיט וויפל דער בער איז אַרויף צו אים, אַזויפיל איז ער אַראָפּ צום בער".

פּונקט אַזוי איבערציינגט אונדז בערל חנהציעס אין דעם מאָנאָלאָג „דער משוגענער בטלן", ווו פּרץ פירט אַריין פערלדיקע מחשבות וועגן מענטשלעכן וועזן אינעם מוח פון אַ האַלב־משוגענעם.

וויפל עסטעטישער אינטעלעקט געפינט זיך אין דער מעשה מיטן ציגנבאָק („התגלות”).

און וויפל טיפקייט אין די פּשוטע מעשהלעך פון יוחנן מלמד.

און אויב מיר געפינען דאָס אַלץ ביי אים, איז עס דערפאַר — ווייל ער האָט געמוזט טראַכטן פּונקט אַזוי ווי עסן, וואָרום ער האָט געשריבן, ווייל ער האָט געטראַכט.

אין זיינע „שטעט און שטעטלעך” שרייבט פּרץ:

„נישט די מענטשן און נישט די שטעט און נישט אפילו די „מעשיות" זענען דער עיקר, דער עיקר איז דער מוסר, וואָס מען דאַרף זיך אַרויסלערנען דערפון...”

דאָס איז דער אידעאישער ציל פון פּרצעס געדאַנק, וועגן וועלכן כ'רעד אין אָנהייב פון קאַפּיטל.

דער יחיד, וואָס באַנעמט דאָס לעבן מיט זיינע געפאַרן און מכשולים, נעמט דערפון אַרויס אַ מוסר און געפינט ממילא אַן אויסוועג — דער שעפער, וואָס קעמפט אויך אַרויס אַ מוסר פון זיינע דורכפאַלן און האָפנונגען, ביי דעם געשטאַלטיקט זיך די וויזיע און עקסטאַז.

דאָס איז טאַקע די גענעזע פון וויזיעס ביי גרויסע שרייבער, ווייל נאָר די מחשבה, וואָס האָט אַדורכגעמאַכט אַן אינערלעכע גאַלגאַטע, איז אַ קינסטלערישע, אייביקע און באַלערנדיקע.

2

דאָרט, ווו ס'געפינט זיך דער שאַרפער מוח, האָט געוועלטיקט זיין פּראָדוקט, די מחשבה, ליב צו געוועלטיקן איבער דעם געפיל.

דער גייסט איז בכלל דיספּאָנירט צו פאַרנעמען די מזרח־וואַנט.

די באַזיגטע גריכן האָבן מיט זייער גייסט באַהערשט די זיגנדיקע רוימער.

ביי פּרצן האָט זיך אָבער אויסגעשטאַלטיקט אַ כאַראַקטעריסטישער סימביאָז פון מוח און האַרץ.

זיין געדאַנק איז אַ קאָנטינואירונג פון זיין דיכטערישער וויזיע *).

מיט זיין קלאָרן מוח האָט ער אַלץ דערזען, „דורך די אויגן פון דער נשמה".

אָט די אויגן האָבן זיין געדאַנק צוגעגעבן אַ סך ווייכקייט און וואַרימקייט.

אין זיינע זכרונות זאָגט ער:

„געווען בין איך, ווי מען האָט געזאָגט: אַן עלוי, אַ פלינק לאָגישן קאָפּ געהאַט — און פיל געמיט..."

דאָרט באַמערקט ער נאָך, אַז עס האָט אים אייביק געצויגן צו חקירה און קבלה — מוח און האַרץ.

זיי האָבן דאָס צעברויזט זיין געדאַנק, דערוואַרעמט זיין האַרץ, באַשאַפן דאָס פּרצישע רחבות, וואָס האָט אַרויפגעלייגט אַ חותם אויף זיין גאַנץ שאַפן.

אַ רחבות — וועגן וועלכן העבל זאָגט אין זיינס אַ פּערז, אַז ער וואָלט געקאָנט וווינען אַפילו אין אַ קליינער מושל, נאָר זי, די מושל, מוז אומבאַדינגט שווימען אויפן ברייטן אָקעאַן.

יוחנן וואַסערטרעגער, סאַטיע, נחמנקע פון זבאַראַזש, ר' לייב שרהס א"א דאַרפן פאַר זיך גאָרנישט. זייער גוף קענען זיי איינשליסן אין ממשותדיקע ד' אמות, זייערע מחשבות שווימען אָבער אויפן ברייטן אָקעאַן און דערגרייכן מרחקים.

אָט דאָס איז די פּרצישע ברייטקייט...

דאָס, וואָס פּרץ האָט זיין מוח אָנגעוואַרעמט ביי זיין האַרץ, האָט גורם געווען, אַז ער האָט קלאָר געזען, אַזוי צו זאָגן, די האָריזאָנטן פון לעבן.

דאָס, וואָס פּרץ דערכאַפּט מיט זיין קלאָרן מוח, פירט ער אַדורך

---

*) „דאָס אָרימע יינגל", „די ירושה", „דער בילדהויער", „דער קאַלאַניסט", „די רויז".

ל ײ ע נ ע נ ד י ק פ ר ץ

דורך דעם קינסטלערישן קאָרידאָר, בכדי עס נאָכדעם צו מאכן פאר א דיכטערישן אמת.

„אין מײן װינקעלע" שרײבט פרץ:

„פאראן מענטשן — נאקעטע נשמות... נשמות, װאָס לײדן קײן פאָרמעו, קײן צײכן, קײן סימבאָלן, און זענען אלײן אינ־האלט, די כװנה אלײן. זײ עטעמען מיט גײסט און לעבן אינם גײסט — זײ דארפן נישט קײן נוסח, קײן מחזור, זײער לעבן אלײן איז שױן געדאנק און געבעט..."

זײן לעבן —פרצעס— איז טאקע געװען געדאנק און געבעט.
מ ו ח א ו ן ה א ר ץ *).

*) פױלינע אלטבערג דערצײלט אין אירע זכרונות („ײװאָ בלעטער", ב. נר. 1-3), אז „שעהן לאנג פלעג איך אים מוזן שפילן שומאַנען און בעטהאָװענען" (זײט 308). דאכט זיך, אז אויך דאָ האָט געשפילט א ראָל זײן מוח-הארץ סימ־ביאז. שומאנס מיניאטורן, סאָנאטן, לידער האָבן אים צוגעצויגן מיט זײער פאנטאסטיק, שטימונג, ליכטקײט און װײכקײט — און בעטהאָװען האָט װידער מיט זײן טיף גאונות גערעדט צו זײן ברױזנדיקן מוח.

XII

ליטעראַטור און לעבן

1

דער אַרטיסט שאַפט זיין ווערק נאָך פאַרשידענע פּסיכישע פּראָצעסן, פון וועלכע ער אַליין גיט זיך נישט אַ יי ב י ק אָפּ אַ דין וחשבון.

דער מאָלער, מוזיקער, סקולפּטאָר און דיכטער פאַרשטייען נישט תמיד די אַנטוויקלונג און שטייגערונג פון זייערע נשמה־סיטואַציעס, באַ־מערקונגען און אַסאָציאַציעס, נישט אייביק איז זיי באַוווּסט, ווי אַזוי די אַלע דעטאַלן שאַפן דאָס בילד, סימפאָניע, פיגור און ליד.

דאָס איז שוין די אויפגאַבע פון קריטיקער.

ער מוז באַנעמען דעם גאַנצן קאָמפּליצירטן מעכאַניזם פון ווערק.

פּשוט — דאָס, וואָס דער שעפער איז ביכולת צו געבן, מוז דער קריטיקער פאַרשטיין. וואָרום דער קריטיקער איז זיין געווים, דאָס ברייט־געעפנטע שוואַרצאַפּל פון זיין קינסטלערישן אמת.

לייענענדיק פּרצעס שאַפונגען און קודם כל זיינע ליטעראַריש־קרי־טישע אָפּהאַנדלונגען, זעען מיר, אַז ער האָט געהאַט אין זיך רעזערוון פון אַ געניטן ליטעראַטור־קריטיקער.

זיין עספּרי, עסטעטישער און קינסטלערישער בליק און זיין שאַרף אויסגעשניצטער אינטעלעקט, זענען עס טאַקע געווען די רעזערוון, זיי האָבן דאָס גורם געווען — וואָס אחוץ שעפער, איז ער אויך געווען דער גרויסער מבין אויפן פּ ר אָ צ ע ס פון שאַפן, אויף דעם מעכאַניזם פון ווערק.

נאָך פּרץ, ווי געוועגלעך, האָט עס נישט געמאַכט טרוקן, ער, דער

דיכטער־פילאָזאָף, אין וועמענס מוח ס'האָט אפשר געוווינט א הארץ, האָט דעם ריין קריטישן געדאנק צוגעגעבן א סך לחלוחית, סאמעטקייט און אינ־טים געפיל, וואָס איז אגב אזוי נויטיק דער ליטעראַרישער קריטיק.

זיין קריטיש ארטיקל איז אויך אן אויסדרוק פון זיין אינערלעכן געמיט און סוביעקטיוויזם.

ווייל אזוי האנדלט א קינסטלער.

למשל ראָדען האָט ארויסגעברענגט באלזאקס געשטאלט, נישט לויטן אָריגינעלן אמת, נאָר לויט דעם איינדרוק, וואָס באלזאקס שאפונגען האָבן אויף אים געמאכט.

יעדער קינסטלער, האָט לויט טעינס טערמין, א „פאקילטע מעטרעס" — א מקורותדיק־פרינציפּעלע פעאיקייט.

פּרצעס איז די עקספּרעסיע פון זיין נשמה און סוביעקטיוויזם.

אזוי אייגנארטיק זענען כמעט אלע עסייען, מען לייענט און איבעראל זעט מען בולט די דאָרט איינגעוועבטע דיכטערישע נשמה *), ווייל פּאָעזיע איז פאר אים געווען א הויכע מדרגה פון מענטשלעכן דערקענטניש, און דעריבער איז ביי אים די מעטעמפּסיכאָזע — די אייביקע נשמה וואנדע־רונג — אזא אָפטע דערשיינונג אין זיין גאנצער שאפונג, ווייל פּאָעזיע פילט ביי אים אוים יעדעס וועזן און עקזיסטענץ, ממילא מוז די נשמה, די דיכ־טערישע פּלאנעט, וואנדערן פון איין אָרט צום אנדערן, בכדי זיך דאָרט אנצוּווארעמען און צו שעפּן ליכט.

אָבער ביי דער געלעגנהייט מוז מען נאָך אקצענטירן, אז זיינע קרי־טישע אָפּהאנדלונגען זענען — צוליב דעם אויבנדערמאָנטן — נישט הינ־טערשטעליק אין זייער אנאליטישן ווערט.

פּרץ האָט זיך נישט געלאָזט פארפירן פון זיין געפיל. זיין קריטיק איז א שעפערישע, א פונדאמענטאלע, א ספּעציעלע און ממילא אן אומ־אָפּהענגיקע, ווייל יעדע שעפערישקייט איז שוין א פּריוואט אומאָפּהענגיקע דערשיינונג.

---

*) „דער דיכטער, דאָס בוך און דער לעזער", „אין פּאָלק אריין".

אָט דאָס איז די סיבה, וואָס ביי זיין גאַנצער פאַן־דיכטערישער איינ־שטעלונג האָבן פונדעסטוועגן זיינע רעצענזיעס אַזאַ אַנאַליטישן צוגאַנג, קלאָרקייט און אינטעלעקטועלע פינעזיע *).

און דאָס אַלץ איז קיין וווּנדער, ווייל פרץ האָט זיך בכלל אין זיין גאַנצער לעבנס־פילאָזאָפיע נישט געלאָזט צוימען פון אויסערלעכע, אָדער אינערלעכע פאַקטאָרן, זיין גערדאַנק האָט זיך, ניט געקוקט אויף אַלע זיי־טיקע גורמים און שטערונגען, זעלטן פריי באַוועגט.

פרץ — דאָס זעט מען פון זיינע ווערק, זכרונות פון און וועגן אים— האָט געהאַט שאַפונגס־מאָמענטן, ווען זיין פּאָעטיש געמיט און קלאָרער מוח האָבן פונקציאָנירט אויטאָנאָם, זה לעומת זה — און דאָס איז די סיבה, וואָס זיין גערדאַנק איז נישט דערטרונקען געוואָרן אין ברייטן אָקעאַן פון געפילן.

2

מיט דער זעלבער מאָס, וואָס פרץ האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט זיין אייגענער נשמה, האָט ער זיך אויך אָפּגעגעבן מיט געזעלשאַפטלעך גייסטיקע און קולטורעלע פּראָבלעמען.

דאָ האָט שוין פרץ געזוכט אַ ציל, אַן אידעע, פאַר דער געזעל־שאַפט **).

ער האָט געהאַלטן, אַז דער הויפּט־חסרון פון אונדזער געזעלשאַפט איז דער מאַנגל פון דער —ווי עאָוקען רופט עס אָן— „סעלעקטיווער קראַפט”, וואָס מען האָט נישט קאָנקרעטיזירט דעם עקזיסטענץ־ציל און דעריבער, בכדי אויסצומיידן דעם כאַאָס, קלערט ער אויס דעם קאָמפּלעקס פראַגן און פּראָבלעמען פון אונדזער נאַציאָנאַל סאָציאַלער סיטואַציע.

געגנוג איבערצולייענען זיינע עסייען, בכדי צו פאַרשטיין, ווי וויט פרץ האָט לאַווירט צווישן פאַרשידענע צייט־שאלות, בכדי דאָך עפּעס ל ו י ט ע ר ע ס אַרויסצוברענגען ***).

---

*) „פאַמיליע צבי”, „אויפן לעצטן שטאַפל”.

**) צו יהואש שרייבט פרץ: „מבקש אני בכל תנועה יסוד מוסרי” (ייוואָ בלעטער, ב. 12, נר. 1־3, 157).

***) „אַ נייער נצחון”, „דער ויכוח”, „שטעט און שטעטלעך”, „אין מיין ווינקעלע”.

מען זעט, ווי ער באַנעמט גוט אונדזער נעכטיקן טראַגיזם און מאָרגנ־דיקע זאָרג, און בכדי דאָס אַלץ נאָך קלאָרער אַרויסצוברענגען, באַנוצט ער זיך מיט זיין געדאַנק, וואָס צייכנט זיך אויס מיט זעלבסטשטענדיקייט און פאַרבינדט אים סינטעטיש מיט דער פּשוטקייט פון פאָרם, וואָס ווירקט צוציענדיק.

ווייל פּרץ האָט טאַקע געוואָלט צוציען און איבערציינגן, ד״ה ער האָט געזוכט וועגן, ווי אַזוי צו פאַרפלאַנצן זיינע מחשבות אויף אַ פּרוכט־באַרער ערד, בכדי זיי זאָלן ברענגען פּרוכט.

רענאַן האָט געזאָגט, „מיר לעבן מיטן שאָטן פון אונדזער פאַרגאַנ־גענהייט, מיט וואָס וועט לעבן די צוקינפטיקע וועלט?"

אָט די זעלבע שאלה האָט געשטעלט פּרץ און דעריבער האָט ער אין זיין פּובליציסטישער טעטיקייט געזוכט וועגן, ווי אַזוי עפּעס צו שאַפן אַ יסוד, וואָס זאָל קאָנען זיין אַ בילד, אַ מוסטער לדורות, וואָס זאָל דעם פאָלק קלאָרער מאַכן זיין לאַגע און אַרויספירן אים פון דער טונקלקייט, אין וועלכער ער געפינט זיך — צום ציל.

XIII

דער חכם שמייכלט

1

הומאָר איז צווישן אנדערע א צושטאנד, ביי וועלכן מיר רייסן זיך ארויס פון שטייגער, — א שול, וואָס באלערנט און באווייזט אונדז די רעלאַטיווקייט פון אונדזערע ווערטן, אָדער ווי העגל זאָגט עס געלונגען, אז הומאָר איז אן אינטעליגענץ, וואָס אנטפּלעקט אונדז דעם קאָנטראַסט פון אונדזערע רעאַליעס.

וואָרום שלעכט איז מיטן מענטשן, וואָס מיינט, אז ער איז אן אדם השלם, אז קיין שום זאך איז ביי אים נישט רעלאַטיוו, אז ער איז אָן א פּגם.

דער טיף הערט שוין אויף צו לעבן, ווייל ער פאַרמאָגט שוין נישט דעם צוגאנג צו פּראָגרעסירן און ווערן עפּעס אנדערש, נאָר ער באַשטייט צו בלייבן אזוי ווי ר׳איז — פּונקט אזוי ווי דאנטעס אינפערנאָטיפן, די טויטע נפשות, וואָס האָבן נישט קיין שום דראנג צו אן ענדערונג.

און דעריבער איז שלום עליכמס מאקסים, אז „לאכן איז געזונט", א קאָנקרעטער אמת, ווייל דער, וואָס האָט שוין פאַרלוירן דעם ווילן צום לאכן, צו דערזען זיין קרומען שפּיגל, דעם קאָנטראַסט פון זיין עקזיסטענץ, ביי דעם איז שוין די וויטאַליטעט אָפּגעטעמפּט.

פּרץ, דער בעל־המעשה אין דער ליטעראַטור, וואָס האָט מיט זיין

קונסט און ארטיזם געוואָלט אויפקלערן און באַלערנען דעם לייענער *), האָט זיך אין זיין ליטעראַריש־אידעאישער ארבעט אויך באַנוצט מיט דעם מעטאָד פון הומאָר.

ער האָט מיט זיין הילף באַטראַכט די אַנדערע זייט פון מעדאַל, דעם היפּך פון אונדזער לעבנס־בליק און אַזוי אַרום אויפגעדעקט דעם שקר פון מכלומרשטע „ווערטן", אויפגעוויזן די לעכערלעכקייט פון דער זאַך, אָפּגע־שוואַכט איר קראַפט און איינפלוס און ממילא געשטויסן די געזעל־שאַפט צו אַ פרישן און געזונטן לעבן.

צו אַ לעבן מיט דינאַמיק, וואָס האָט פיינט דעם שב ואל תעשה, וואָס וויל נישט בלייבן שטיין אויף איין אָרט נאָר פּראָגרעסירן און שטייגן.

און פרץ האָט דאָס אַלץ אַדורכגעזעצט מיט דעם הומאָר פון אַ דענ־קער — דעם שמייכל פון אַ חכם.

וואָרום זיין הומאָר האָט לגמרי נישט קיין צוזאַמענהאַנג מיט חוזק, מיט איראָניע, נאָר ער צייכנט זיך אויס מיט באַוווּסטזיין.

מיט אים טייטשט ער אויס מענטשלעכע כאַראַקטערס.

דעמאָלט שמייכלט ער.

*) אין אַ בריוו צו שלום עליכמען (4.7.1888) — אינדערצייט ווען פּרצעס אַרטיסטישער תוכן איז געווען נאָך אין נישט רייפן צושטאַנד — שרייבט פּרץ: „כל זמן אונדזערע ברידער וועלן נישט קאָנען זעטיקן באמת זייערע נשמות מיט דער יידישער ליטעראַטור, כל זמן זיי וועלן נישט געפינען אין דער ליטע־ראַטור דעם אמתן וויסן, וועט די ליטעראַטור נישט זיין מער ווי אַן אומנוציק שפּילכל". און אין יאָר 1912 — ווען זיין קונסט האָט שוין דערגרייכט דעם קול־מינאַציע־פּונקט — הערן מיר ווייטער די אידעאַליסטישע טענער אויף אַ באַנקעט לכבוד אים אין ווילנע: „ווייסט איר, רבותי, פאַרוואָס די שכינה פון דער אמתער שמחה רוט נישט אויף אונדזערע שריפטשטעלער בעת זיי קלויבן זיך צונויף אינאיינעם מאַכן זיך אַביסל חדוהדיק, ווייל זיי פעלט דער עיקר: אמונה פעלט זיי, נאָר דער אומבאַגרעניצטער, איניקסטער, טיפער גלויבן פון שריפטשטעלער אין דער נוציקייט און אין דער נויטיקייט פון זיין אַרבעט פאַר דער צוקונפט פון זיין פאָלק, פון זיין שפּראַך און פון זיין ליטעראַטור, נאָר דער דאָזיקער גלויבן אַליין קאָן ערשט ברענגען דעם שריפטשטעלער צו דער אמתער, ריכטיקער געפילפולער שמחה" (ש. ל. ציטראָן, „דריי ליטעראַרישע דורות", באַנד 1).

דזשענטלמעניש, נישט אָנזעעוודיק שמייכלט ער *).
און אויב פּרץ איבערצייגט, אויב ער ווירקט מיט זיין טענדענץ, איז עס דערפאר, ווייל ער האָט, פּאראלעל צו זיין מוח־הארץ סינטעז — אויך פארבונדן דאָס לייכטקייט פון שמייכל מיט דער טיפקייט פון אינ־טעלעקט, דערנענטערנדיק זיך אזוי ארום צום שמייכל פון פראנצויזישע חכמים.
באַי־זשעלענסקי, דער גרויסער קענער פון פראנצויזישער קולטור, באמערקט, אז ס׳איז דאָ אן ענגער קאָנטאקט צווישן דעקארטס דענקען און א פאריזער בולווואריש בלעטל.
אויך דאָ ביי פּרצן האָבן מיר, ווי שוין דערמאָנט, דעם זעלבן כוח. ווען ער באווירצט זיין קלאָרע מחשבה מיט זיין קלוגן שמייכל, שטויסט דער געדאנק נישט אָפּ מיט זיין מאיעסטעטישקייט, נאָר ער ציט צו מיט דער לייכטקייט פון שמייכל.
אזוי האנדלט א קלוגער פילאָזאָף.

2

די זעלבע זאך קאָן אין דער זעלבער צייט זיין גוט, שלעכט און גלייכגילטיק.
טויזנטער פאקטן פון דער קונסט באשטעטיקן עס, יעדע דערשיינונג רופט ארויס ביי יעדן ארטיסט אנדערע רעאקציעס.
דאָס ליידן האָט געברענגט שאָפּענען צו צארטע נאָקטורנס און בעט־האָווענען צו טיטאנישע סימפאָניעס.
פּונקט אזוי ביי הומאָר:
למשל ביי שלום עליכמען איז ער אן עפּישער, ווייל ער שפּיגלט מיט אים אָפּ דאָס לעבן פון א פאָלק אין א באשטימטער צייט — און ביי פּרצן איז ער שוין א רעפלעקסיווער, אן אויסדרוק פון זיין פּנימיות און אידע־אישן בליק.

---

*) „מאָטל פּרינץ״, „דאָס שטריימל״.

ל י י ע נ ע נ ד י ק   פּ ר צ ן

דער וויץ און שמייכל, וואָס איז אריינגעפאלן צו פּרצן, האָט שוין געמוזט אָננעמען א לויטערן סטיל, עלעגאנטע פאָרם און קלוגן תוכן.

זיין שמייכל איז א פּראָדוקט פון גייסט־ריפקייט, זיין הומאָר וואקסט ארויס פון פארטיפן זיך אין זיין אייגענעם איך. מיט זיין וויץ וויל ער ארויסווייזן די נישט זיכערקייט פון אונדזערע ווערטן, דעם קאָנטראסט פון אונדזער מכלומרשטן אמת און אזוי ארום רייניקן און דערהייבן די געזעלשאפט און אגב אורחא אויך זיך אליין *).

וואָרום זיין גאנצע לעבנס־הנחה איז געווען אן אידעאליסטישע.

*) „דאָס גלעזל", „שטעט און שטעטלעך" (טייל פון פראגמענטן).

XIV

סוב ספּעציע עטערניטאַטים *)

1

אויף דער מצבה פון דעם פראנצויזישן פילאָזאָף זשאן מארי גייאָ, אין מענטאָן, געפינט זיך אן אויפשריפט, ארויסגענומען פון איינעם פון זיינע ווערק: „כ׳בין איבערצייגט, אז דאָס בעסטע פון דעם, וואָס כ׳האָב געשריבן, וועט מיך איבערלעבן. וואָס רעד איך? מעגלעך, קיין שום פאנ־טאזיע מיינע וועט נישט פארלוירן גיין. אנדערע וועלן עס אויסנוצן, אנ־דערע וועלן וועגן זיי חלומען, אזוי לאנג ביז זיי וועלן ווערן א געשעענער פאקט".

ביים באהאנדלען די איינפלוסן אויף פרצעס שאפן, וועל איך טאקע ארויסגיין פון גייאָס שטאנדפּונקט, ד"ה נישט קענענדיק געניוי פרצעס לעקטור, בין איך פשוט געצווונגען צו באנוצן זיך מיט דער הנחה.

פון דירעקטע איינפלוסן אויף פרצן קומען נאָר אין באטראכט דער תנ"ך, מדרש אד"גל.

די איבעריקע זענען לרוב „א געשעענער פאקט פון עמעצנס פאנ־טאזיעס און חלומות".

דער תנ"ך איז פאר אים געווען די שענסטע פרוכט פון דער פּאָעזיע. ביבלישע פארגלייכונגען, תנ"ך־פאָרמען גליטשן זיך אים כמעט ארוים ביים שרייבן.

---

*) פאר דער אייביקייט.

למשל די מינים פון לעבעדיקער און הייסער ליבע, דריקט ער אויס אין א סטיליזאציע פון שיר השירים.

עס זענען אפילו בולט ביי פּרץ פּראזועאלאגישע איינפלוסן פון תנ"ך, ווי למשל אין דער פּרעכטיקער דערציילונג אין בריוו א"ג „וועבער ליבע", ווו דער העלד שרייבט:

„און עס וועט קומען א צייט, ווען זיבן וועבער וועלן אָנ־
כאפּן איין ברויטגעבער און בעטן זיך: גיב האלב אומזיסט,
זאָל זיין אומזיסט, נאָר פארנומען זאָלן מיר זיין און פארגעסן,
אז אונדזערע ווייבער בעטן און די קינדער העלפן צו..."

צי איז דאָס נישט א געלונגענע סטיל פּאראפראזע פון ישעיה קאפּ. ד׳ (והחזיקו שבע נשים וכו׳).

בפרט זענען תנכישע מאָטיוון טראנספּאָזיציעס זייער רייך פאר־טרעטן אין זיינע חסידיש־פאָלקסטימלעכע געשיכטן.

פּרץ האָט נישט בלויז איינגעזאפּט אין זיך די פאקטן פון תנ"ך, מדרש און חסידישע שמועסן, ער האָט זיי אליין איבערגעארבעט און אויפ־געבויט א נייע וועלט.

הערדער זאָגט אויף אן אָרט, אז זיין באאיינפלוסט פון האָמערן הייסט נישט שרייבן אזוי ווי ער, נאָר אזוי ווי האָמער וואָלט געשריבן אין אונדזער צייט און אין אונדזערע באדינגונגען.

פּרץ האָט עס אזוי געטון.

ער האָט טאקע געשעפּט פון דעם אייביקן קוואל, אָבער דערביי צו־זאמענגענומען דאָס בעסטע און פיינסטע און עס אויף זיין אייגענעם אופן באארבעט.

2

מיר וועלן איצט באטראכטן די ערטער, ווו דער איינפלוס אויף פּרצן איז אומדירעקט, ווו די עטער־וואלן האָבן אים איבערגעטראָגן מאָמענטן, געדאנקען און מאָטיוון פון דער גאָרער וועלט, וואָס ווערן געבוירן סוב

ספּעציע עטערניטאַטים, וואָס לעבן אַזוי לאַנג, ביז זיי ווערן „אַ געשעע־נער פאַקט״.

אַזעלכע האָבן מיר ביי אים אַ סך, ווי למשל די דערציילונג „דאָס גלעזל״, וואָס איז גאָנגאָליש.

ביי אַ סך דערציילונגען האָט פּרץ אָנגעשטעלט זיין האַרפע אויף אַ ביירעאָנישן טאָן. ביירען האָט ספּעציאַליזירט די א״ג דיכטערישע דער־ציילונג, וואָס איר פאָרם האָט זיך אויסגעצייכנט מיט סודותפולקייט, מיט וועלכער ער האָט פאַראינטריגירט דעם לייענער. און אין דער פאָרם איז דאָך פּרץ געווען אַ מייסטער.

„דאָס וואַסערל״ איז אינגאַנצן ענלעך צו מיצקעוויטשעס „שוויטע־זשאַנקאַ״. די זעלבע שטימונג, ענלעכע ספּור המעשה. פּרץ איז עס נאָר מלביש אין אַ יידישן מאַנטל, באַפּוצט מיט שמות און קבלה.

מעטערלינג מיט זיינע שטימונגס־מאָמענטן איז אויך פאַרטרעטן ביי פּרצן.

אויב מיר וואָלטן נישט אַרויסגעגאַנגען פון דער הנחה, אַז פּרץ איז פון זיך אַליין געווען דורכגעדרונגען מיט די פאָלקסטימלעכע עלעמענטן, וואָלטן מיר אַבסאָלוט געקאָנט ביי אים זען נ אָ ר ו י ד י ש ע איינפלוסן. פּונקט אַזוי ווי ביי נאָרווידן, איז ביי אים נישטאָ קיין סתם פאָלקס־פּרימי־טיוויזם, נאָר די פאָלקסטימלעכקייט איז געווען אַ פּרינציפּיעל שעפערישער שטריך, אַ האַרמאָנישער בונד מיט דער אַרטיסטישער טעטיקייט. דאָס פאָלק האָט ביי נאָרווידן און סיי ביי פּרצן אַן אַנאַלאָגיש־אַרטיסטישן יסוד און אינטעלעקטועלן צוגאַנג.

דאָס איז דער סוד, אַז יעדער אמתדיקער געדאַנק, ווערט געבוירן „סוב ספּעציע עטערניטאַטים״.

מעגלעך אויך, אַז אַ סך פון די מאָמענטן זענען צו פּרצן דערגאַנגען דירעקט און ער האָט זיי פּשוט אַריינגעזעצט אין זיינע שאַפונגען *), אָבער דאָס רוב געפינען זיי זיך ביי פּרצן דורך דעם שטאַנדפּונקט פון דער איי־ביקייט, וואָס יעדע מחשבה גייט קיינמאָל נישט פאַרלוירן.

---

*) מיצקעוויטש, שלום עליכם.

ל י י ע נ ע נ ד י ק   פ ר צ ן

* * *

די פראגע פון פּרצעס איינפלוס אויף דער יידישער ליטעראטור פאר־לאנגט פאר זיך א ספּעציעלע סטודיע.

א פאקט איז אָבער, אז אויף די יסודות פון פריערע עסטעטישע און קולטורעלע ווערטן האָט פּרץ אויסגעבויט א הערלעכן מאָנומענט, וואָס איז די קווינטעסענץ פון אונדזער גייסטיקן לעבן — און וואָס דארף מיט זיין ווארעמען, פעסטן אָטעם ווייטער אויפלעבן אונדזער ליטעראטור.

וואָרום פּרץ האָט זיינע ווערק געשאפן „סוב ספּעציע עטערניטא־טיס” — — —

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין ארגענטינע
רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו: מלכה אָווּשיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל: באַרג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין: אין א ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן: די ייִדן־שטאָט לובלין
12) ישראל אפרת: היימלאָזע ייִדן
13) ד״ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר
14) דוד פלינקער: א הויז אויף גזשיבאָוו
15) ד״ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ
16) קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (זאַמלונג פון דאָקומענטן)
17) חיים גראַזע: פּליטים
18) ש. קאַטשערגינסקי: פּאַרטיזאַנער גייען!... (ווילנער געטאָ)
19) פרידע זרובבל: נע ונד (פאַרצייכנונגען פון א פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
21) יעקב לעשציִנסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט
22) ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים: וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס: א וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג
26) לעאָ פינקלשטיין: מגילת פּוילן
27) יאָנאַס טורקאָוו: אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן: „אומלעגאַלע" ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט: הענעך
30) ד״ר י. קערמיש: דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פּאָליאַקעוויטש: אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער: אין די פאַבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי: אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער: מיין היים
35) יוסף וואָלף: לייענענדיק פּרצן...

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

צפורה נאַכומאָוו־קאַצענעלסאָן: יצחק קאַצענעלסאָן
י. הירשהויט: פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
שלמה וואַגאַ: חורבן טשענסטאָכאָוו
רחל ה. קאָרן: היים און היימלאָזיקייט
נחום סאָקאָלאָוו: פּויליש־יידישע פּערזענלעכקייטן
ר. שושנה־קאַהאַן: אין פייער און פלאַמען (טאָגבוך)
מנשה אונגער: פּשיסכע און קאָצק
יוסף אקרוטני: אין קלעם
הערשעלע: שבת אויפן טראַקט
א. אלמי: מאָמענטן פון אַ לעבן
יהושע פּערלע: יידן פון אַ גאַנץ יאָר

עס גרייט זיך צום דרוק:

י. אשענדאָרף: איינאַקטערס
רחל אויערבאַך: פון רינגעלבלום־אַרכיוו
פּ. בימקאָ: אַמאָל אין פּוילן
עוזר וואַרשאַווסקי: שמוגלאַרס
אברהם לעוו: אַ ליד נאָך אייך
נחמן מייזיל: דיכטער־מאַרטירער
קאַדיע מאָלאָדאָווסקי: וואַרשע
מ. קאָסטרינסקי: פּינסק
בער י. ראָזען: טלאָמאַצקע 13
י. ראַפּאָפּאָרט: י. מ. ווייסנבערג
ד״ר עמנואל רינגעלבלום: צו דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן
ד״ר יצחק שיפּער: קאַפּיטלען געשיכטע
אברהם זאַק: לידער און פּאָעמען

פרעסע שטימען וועגן דער ביכער סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

•

מאַרקאָס יאַקובאָוויטש שרייבט אין אַן אַרטיקל „אויף די חורבות פון ווארשע" וועגן דעם בוך פון יאָנאַס טורקאָוו „אַזוי איז עס געווען"... („פאָלקסבלאַט", 4טער מאי 1948):

דורכלייענענדיק דאָס נאָר־וואָס דערשינענע בוך פונעם פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום" אין אַר־גענטינע פונעם גוט־באַקאַנטן יידישן אַרטיסט פון פּוילן — דער צווייג פון דער ליטעראַריש־קינסטלערישע[ר]

משפּחה — יאָנאַס טורקאָוו, א״נ „חורבן ווארשע", וויל זיך גאָר נישט גלויבן מער אין די לידלעך מיט וועלכע מען האָט אונדז געטרייסט, אַז ווארשע וועט נאָך ווידער זיין אַ גרויסער יידישער ישוב.

אַזוי האָבן מיר געגלויבט פריער, איידער מיר האָבן זיך באַקענט מיטן איכה־בוך פון יאָנאַס טורקאָוו. מיר האָבן נישט געגלויבט, אַז דער חורבן איז טאַקע אַזוי געווען... מיר האָבן זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז אין חורבן פון אונדזער אַלעמענס ווארשע האָבן אַ סך נידערטרעכטיקע און געמיינע לומפּן פון אחינו בני ישראל, נישט געהאַט ווייניקער חלק ווי די... נאַצים מיט די פּאָליאַקן, ליטווינער, אוקראַינער א״אַנד. מיר האָבן ביז איצט נאָר געהערט פון דעם אַנטייל פון יידישע נאַצים... פון יידישן אָפּפאַל, פון יידישן אונטער־וועלט. יאָנאַס טורקאָוו ברענגט אונדז אַרויס אויף נייע פאַר אונדז אומבאַקאַנטע וועגן פון דער מיט־באַטייליקונג פון אַזעלכע יידן, וועל־כע האָבן נאָך מכלומרשט געזאָרגט וועגן דער יידישער קולטור, וועגן יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און וועגן יידישע שרייבער (גאַנצווייך).

דאָס בוך פון יאָנאַס טורקאָוו איז דאָס ערשטע בוך פון אַ מיטבאַטיי־ליקטער און מיטגעליטענער פּערזאָן, וועלכער איז די גאַנצע צייט פון דער דייטשישער אָקופּאַציע ביז צו דער ליקווידאַציע פון געטאָ געווען אין דער מיטהילף און מיטבאַטייליקונג צו לינדערן די נויט פון דער אומ־גליקלעכער יידישער באַפעלקערונג אין געטאָ.

יאָנאַס טורקאָוו הייבט אָן „פון

אַנהייב", נאָך איידער דער קריג
האָט זיך אָנגעהויבן, אָבער די
שוואַרצע וואָלקנס האָבן זיך שוין
געזען... און ער גייט בהדרגהדיק דעם
וועג פון דעם טראַגישן אומקום פון
אונדזערע ברידער. ער גייט מיט זיי
מיט דעם גאַנצן שוידער־וועג. ער
מאַכט מיט דעם „מאַרש אויף
מזרח". און צוזאַמען מיט אַנדערע
טויזנטער יידן קומט ער „צוריק קיין
וואַרשע". ער שילדערט אונדז די
טראַגעדיע פון וואַרשע, איר קאַמף
פאַר דער פאַרטיידיקונג און איר קאַ־
פּיטולאַציע.

יאַנאַס טורקאָווס בוך איז די
טראַגישע מגילה פון פּוילישן יידנ־
טום פון 20סטן יאָרהונדערט. עס
איז דער גרעסטער באַשולדיקונגס־
אַקט קעגן די פרעמדע און אייגענע
מערדער פון אונדזערע ברידער און
שוועסטער, קעגן די מערדער פון
קליינע אומשולדיקע קינדער, קעגן
די גרעסטע וועלט־פאַרשקלאַפער פון
אַ לעבעדיק קולטורעל פאָלק...

אַזאַ בוך ווי פון יאַנאַס טורקאָוו
מוז מען אַליין לייענען. אַזאַ בוך
מוז זיך געפינען אין יעדער יידישער
שטוב. דאָס בוך פון יאַנאַס טורקאָוו
וועט פאַרבלייבן אין דער געשיכטע
פון פּוילישן יידנטום אַלס זיין היי־
ליקסט רעליקוויע־בוך פון דער טראַ־
געדיע פון פּוילישן יידנטום, אויף
דער ערד ווו ער איז געבוירן און
דערצויגן געוואָרן.

:: ::

ווען איך בין צוגעטרעטן לייע־
נען דאָס בוך פון יאַנאַס טורקאָוו
האָב איך פון פריער אויס געגלויבט,
אַז זיכער וועל איך דאָרטן טרעפן
שילדערונגען, אַזוי ווי... אַן אַרטיסט
קען שילדערן. דראַמאַטיש, טראַגיש,
אָבער געקינסטלט. אַנדערש איז
אָבער געווען ווען איך בין אַריינגע־
דרונגען אין די קאַפּיטלעך פונעם
בוך. מער פאָלקסטימלעך, מערער אָ־
ריגינעל און מער געשיכטלעך וואָלט
אפילו דער גרעסטער היסטאָריקער
נישט געקענט שרייבן. דער שרייבע־
רישער טאַלאַנט פון יאַנאַס טורקאָוו
האָט איבערגעוויגן דעם אַרטיסט
יאַנאַס טורקאָוו, ווייל יאַנאַס טור־
קאָוו האָט געהאַט אַ גרויס פעלד פון
אַרבעט, אַז ער זאָל פאַר אונדז קע־
נען דערציילן, איבערגעבן, צווינגען
אונדז מיטצומאַכן די טראַגישע עפּאָ־
פּייע פון זיינע מיטליידנדע.

י. הירשהויט שרייבט וועגן דוד פלינקערס ראָמאַן „אַ הויז אויף
גזשיבאָוו" אין זיין אַרטיקל א"נ „דריי דורות פון דער אַמאָליקער
וואַרשע" („אַרבעטער־וואָרט", פּאַריז, 14טער נאָוועמבער 1947):

„דוד פלינקער פאַרדעקט אויף אַ
רגע מיט זיינע בוך־זייטן דעם גרויסן
באַרג אַש" — שרייבט ריכטיק ז.
סעגאַלאָוויטש אין זיין הקדמה צו
פלינקערס בוך „אַ הויז אויף גזשי־
באָוו". גלייכצייטיק דעקט פאַר אונדז
פלינקער אויף אונדזער גרויסע בראָך
און אבדה, וועלכע מיר וועלן שוין
קיינמאָל נישט אויפהערן צו באַוויי־
נען. פלינקער פירט אונדז צוריק אין
דעם פריידיקן אַמאָל אין דער שטורם
און דראַנג־תקופה פונעם פּוילישן
יידנטום, ווען „די כוואַליעס פון דער
צעשטורעמטער ווייסל־שטאָט האָבן
ברייט און פריי פונאַנדערגענומען די
אָרעמס און זיך געשפּילט מיט די
פאַליעס, ווי גוטע, געניטע שווי־
מער".

דאָס אַלטע הויז אויף גזשיבאָוו
איז אַ סימבאָלישע נעסט פון דריי
יידישע דורות. זיי האָבן דאָרט גע־
חלומט זייערע חלומות פון ליבשאַפט
צו גאָט און צו מענטש. זיי האָבן
דאָרט געשמידט און געשאַפן אונ־
דזער רומרייכע טראַדיציע און גע־
ליטן און געבלוטיקט פאַר איר. דריי

דורות זענען דאָס געווען. דער אַלטער דור, וועלכן עס פּערזאָניפיצירט ר׳ לייזער, אַ חסיד, אַ דערצויגענער אין קאָצקער הויף, וואָס איז צוזאַמענגעוואַקסן מיטן חסידישן גייסט פון יראת־שמים און פון דינען גאָט אין אַ פריידיקער עקסטאַזע. אַלס צווייטן דור וויל איך באַצייכענען די ייִנגערע חסידים. זייער פּאָרטרעטער איז ר׳ לוי, ר׳ לייזערס זון. דער דאָזיקער דור שטייט נאָך מיט ביידע פיס פעסט אין דער טראַדיציע פון



זייערע טאַטעס, הגם די עשירות (אויף וועלכער נישט זיי, נאָר זייערע טאַטעס האָבן געהאָרעוועט) האָט ביי זיי דערוועקט פאַלשע אַמביציעס און האָט זיי קאַליע געמאַכט. די דאָזיקע פאַלשע אַמביציעס וועלן שפּעטער גורם זיין צו שאַפן אַ מחיצה, וואָס וועט זיי פונאַנדערטיילן פונעם דריטן, דעם ייִנגסטן דור און וואָס וועט שטערן אין שאַפן אַ פאַרשטענדעניש צווישן די ביידע דורות. דער דריטער דור, דער יונגער, איז שוין ווייט פון חסידות.

ער שעפּט זיין גייסטיקע יניקה אין די שעהן־לאַנגע דיסקוסיעס אויף „דער גרינער גאָס". דאָרט איז געווען דער זיץ־אָרט פון דער ערשטער יידישער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע.

„די גרינע גאַס" איז דער אָנהייב פון אַ נייעם יידישן דור, וואָס האָט איבערגעריסן מיט די אַלטע מקורות פון יידישן גייסט און מיט זייער ערדישער ווירקלעכקייט: דעם חסידים־שטיבל און דעם בית־המדרש. דער נייער דור זוכט צו פאַרפילן דעם בלויז, וואָס איז ביי אים צוליב דעם אַנטשטאַנען, מיט דער תורה פון מאַרקסיזם. אין אמתן בלייבט דער יונגער דור ענלעך צום אַלטן. נאָר וואָס? עס האָבן זיך בלויז געענדערט די באַגריפן, אָדער ריכטיקער געזאָגט, די נעמען פון די באַגריפן, מיט וועלכע מען פאַרנעמט זיך. דער אידעאַל „גאָט" איז פאַרטרעטן געוואָרן מיט אַ נייעם: סאָציאַלע גערעכטיקייט, דער קאָצקער אָדער דער קוזמירער מיט די נייע נביאים פון דער סאָציאַליסטישער לערע. דער ברען און די התלהבות, מיט וועלכער אַלע דורות האָבן געדינט זייערע אידעאַלן, זענען געבליבן אומבאַרירט. דאָס אַנטפּלעקן פאַר אונדז די מערקווירדיקייט פון דער יידישער נשמה, וואָס איז תמיד גרייט ערנסט אויפצונעמען און אפילו זיך מקריב צו זיין פאַר די אַבסטראַקטע אייביקייטן, פאַר עטישע ווערטן.

די אויסערלעכע פאָרמען האָבן זיך בלויז געענדערט. דער אינהאַלט איז געבליבן דער זעלבער. ווייל אין דעם גזשיבאָווער אַלטן הויז האָט דאָס אָרט פון ר׳ לייזערן, דעם ייד מיט באָרד און פיאות, אין אַ לאַנגער חסידישער זשיפּיצע, פאַרנומען דניאל עפּשטיין, דער פאָרשטייער פונעם יונגן דור. עפּשטיין גייט שוין אייראָפּעאיש אָנגעטון. ער איז דערצויגן אין גייסט פון „דער גרינער גאַס". אָבער די אידעלע עטישקייט, דער צוגאַנג צו די לעבנס־פראַגן

בכלל און צו מענטשן בפרט, זענען ביי אים פונקט די זעלבע, ווי ביים אמאָליקן ר׳ לייזער.

בשעת ר׳ לייזער האָט געהאַלטן אין איין ווערן רייכער, אַז די רייכקייט דערשטיקט אים, אַז ער איז מער נישט ביכולת צו ווידמען זיך די געטלעכע ענינים, דעמאָלט איז ער געקומען צו זיין רבין און ער האָט פאַר אים ביטער געוויינט, הלמאי ער ווערט פאַרשוואַרצט ביי זיינע עסקים. דער רבי האָט אָבער ר׳ לייזערן געפרעגט, וויפל נפשות עס לעבן אַרום אים. ווען ר׳ לייזער האָט געענטפערט, אַז צוויי הונדערט האָט דער רבי אים געהייסן אומקערן זיך אַהיים צו זיינע ביז איצטיקע געשעפטן, ווייל „צוליב צוויי הונדערט נפשות לוינט זיך פאַרשוואַרצט צו ווערן״.

ר׳ לייזער איז זיך מקריב פאַר די צוויי הונדערט יידישע נפשות און דניאל עפשטיין, דער פאָרשטייער פונעם נייעם דור, קאַרגט נישט קיין געלט, כדי צו קומען מיט הילף יידן, וועלכע באַנויטיקן זיך אין איר. נאָך מער, דער רייכער עפשטיין ריזיקירט זיין לעבן און דאָס לעבן פון זיין משפחה. זיין הויז ווערט אַ שטענדיקער אַזיל פאַר פּאָליטישע טוער, וואָס דער באָדן ברענט זיי אונטער די פיס, וואָס ווערן געזוכט פון דער צאַרישער פּאָליציי.

פון אונטער פלינקערס פעדער קומען אַרויס אַלע געשטאַלטן לעבעדיקע און פיין געשניצטע. דער ראָמאַן שפיגלט אָפּ אַ באַדייטנדיקן אָפּשניט פונעם יידישן לעבן. ער שפיגלט אים אָפּ ערלעך, גוט און מיט אַ גרויסן קינסטלערישן געפיל. „אַ הויז אויף גזשיבאָוו״ איז אַ גוט אָנגעשריבן בוך.

עס איז בלויז צום באַדויערן, וואָס דער דיכטער זעט נישט דעם וויכטיקסטן קאַפּיטל פון דער יידישער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון יענער תקופה, וועלכע ער באַשרייבט אַזוי געפילפול און האַרציק. דער דאָזיקער קאַפּיטל הייסט השכלה. זי האָט דאָך אָפּגעשפּילט אַזאַ געוואַלטיקע ראָלע אין דער איבערגאַנגס־עפּאָכע פון יענער יידישער גייסטיקער איבערקערעניש. פּונקט ווי חסידות האָט קענען איר אייגענעם ווילן געבוירן די השכלה, אַזוי האָט די השכלה קענען איר ווילן געבוירן די נאַציאָנאַלע ארץ־ישראל באַוועגונג, דעם ציוניזם. די השכלה, אָדער ריכטיקער געזאָגט, די ארץ־ישראל־באַוועגונג מיט אירע אַלע שאַטירונגען פון רעכטס ביז לינקס, וועלן שפּעטער אָפּראַטעווען דעם קיום פונעם יידישן פאָלק. דורכן אַריינגעמען פונעם דאָזיקן מאָטיוו וואָלט שטאַרק באַרייכערט געוואָרן פלינקערס ראָמאַן, סיי אויפן געביט פון היסטאָריש־דאָקומענטאַרישן אינהאַלט און סיי אין זין פון זיין קינסטלערישן ווערט.

דוד פלינקער געהערט צו די סאַמע חשובסטע באַזינגער פון דער יידישער וואַרשע, וואָס ליגט היינט אין חורבות, צעטרימערט און צעממיתט דורך די היטלעריסטישע מענטשנפרעסער און וואַנדאַלן. ווי אַ וועגווייזער פירן דעם לייענער די זייטלעך פון פלינקערס ראָמאַן איבער וואַרשע, „די רעזידענץ פון די פּוילישע מלכים״, איבער דער „וואַרשע פון דער שיינער וואַלעווסקאַ און פון די אַלע אַנדערע רייצנדע פרויען־געשטאַלטן, באַזונגענע פון טרובאַדורן און דיכטער״. „און שפּעטער — רופט דער דיכטער אויס אין צער און טרויער — אַ טרויעריקע פאַרוויינטע וואַרשע, אַ שטומע, אַ געשענדעטע״.

עס איז נישט וויכטיק, צי דער מחבר האָט מיט זיינע אייגענע אויגן אָנגעקוקט די דאָזיקע „שטומע, געשענדעטע״ הויפּט־שטאָט, וואָס איז געווען דאָס וויגל און די קוזשניע פון אַ ריזיקן אָפּשניט פון יידישן שאַפן.

איך האָב זי געזען אין איר פרישן גלאַנץ פון איר שאַנד און חורבן.

איך האָב זי געזען אין די אַלע עטאַפּן פון איר אונטערגאַנג. אין דער צייט נאָך 1939, ווען א טייל פון איר הארץ, טאַקע דער גזשיבאָוו, איז געלעגן שוין אין א גרויסן טייל חרוב, דערנאָך ווען איר צפונדיקער פליגל, די יידישע געגנט איז אויסגעברענט געוואָרן צוזאַמען מיט זיינע לעבעדיקע תושבים, מיט אונדז אַלע, שפּעטער, ווען זי איז אינגאַנצן געפאַלן אונטער דער ווילדער איבערמאַכט פונעם שונא. זי, די זעלבע וואַרשע, וואָס האָט תמיד שטילערהייט געליטן און געווייטיקט, וואָס איז אָבער קיינמאָל נישט געפאַלן דעם שונא אונטער די פיס. דער שונא האָט זי געקענט באַזיגן, אפילו פאַרניכטן, אָבער דערנידעריקן זי און באַהערשן דאָס האָט ער נישט געקאָנט באַוויזן.

יענע לייענער, וואָס האָבן געזען און איבערגעלעבט די שאַנד פון וואַרשע, פילן צוזאַמען מיטן מחבר די פּראַכטפולע גרויסקייט פונעם נעכטן און דעם שטילן ווייטיק פונעם היינט. הגם דער דאָזיקער ווייטיק ווערט נישט דירעקט אויסגעדריקט אין סאַמע אינהאַלט פונעם בוך, דאָך פילט מען זי אַרויס פון צווישן די שורות און פון די זיפצן. דאָס אַלץ מוז אפילו ביי דעם האַרטסטן מענטש אַרויסקוועטשן א טרער פון אויג.

י. גרודבערג שרייבט וועגן א ריי אויסגאַבן פון דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום" צוו"אַנד פאָלגנדיקעס („נידערשלעזיע", וראַצלאַוו, דעם 20סטן מערץ 1948):

אין דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום", וואָס ווערט אַרויסגעגעבן דורכן צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע, זענען ווידער דערשינען א ריי ביכער, וואָס באַווייזן, אַז דער דאָזיקער פאַרדינסטפולער פאַרלאַג ברייטערט אַלץ מער אויס זיין באמת פרוכטבאַרע טעטיקייט.

אַלס 24סטער באַנד פון דער סעריע איז דערשינען, פון טאַניאַ פוקס: „א וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן".

עס זענען זכרונות פון די זאַוויערוכע־יאָרן, פון די וואַנדערונגען, וואָס פּוילישע יידן האָבן דורכגעמאַכט נאָך היטלערס פאַרכאַפּן פּוילן.

אויף דער זעלבער טעמע זענען שוין אין דעם זעלבן פאַרלאַג דערשינען צוויי ביכער. טאַניאַ פוקס בוך איז בלי־שום־ספק דאָס אינטערעסאַנטסטע. שוין דערפאַר, ווייל עס נעמט אַרום א ברייטערן צייט־אָפּשניט און גיט אונדז אויך א בילד פון די איבערלעבונגען פון פּוילישע יידן אין טשערנאָוויץ און רומעניע

בעת דער היטלער־אָקופּאַציע און דער מיטאַרבעט פון די רומענישע

פאַשיסטן מיט היטלערן. אין דעם בוך גיט טאַניא פוקס — אין דער פאָרם פון א טאָגבוך — די געשיכטע פון טשערנאָוויצער געטאָ, ווו עס האָבן זיך געפונען א סך פוילישע יידן, אין א געוויסער מאָס — די געשיכטע פון דער מאַרטיראָלאָגיע פון רומענישן יידנטום, וועגן וועלכער מ׳האָט ביז איצט ווייניק געשריבן.

אין אלגעמיין איז דאָס בוך געשריבן מיט א פיינעם זשורנאַליסטישן נערוו.

אלס 25סטער בוך איז דערשינען „צווישן שרעק און האָפענונג" (א

רייזע איבער דעם נייעם פוילן) פון ש. ל. שניידערמאַן.

ש. ל. שניידערמאַן, דער באַקאַנטער יידיש־פוילישער שרייבער און זשורנאַליסט, וואָס האָט זיך נאָך פאַר דער מלחמה קונה־שם געווען מיט זיינע פרעכטיקע רייזע־רעפּאָרטאַזשן (באַזונדערס וועגן שפּאַנישן בירגער־קריג), איז אין פוילן געווען אין דער צייט פון די טראַגישע קעלצער געשעענישן. ער איז געווען פון די ערשטע אויפן אָרט פון אומגליק, געזען ממש דאָס הייסע בלוט פון די קרבנות. פאַרשטייט זיך, אז די דאָזיקע גרויליקע איבערלעבונגען האָבן געמוזט איבערלאָזן א חותם אויף זיינע רייזע־באַשרייבונגען, אז די אַטמאָספער פון קעלץ האָט געמוזט באַאיינפלוסן זיינע רעפּאָרטאַזשן און ארויסרופן געוויסע שטימונגען און געדאנקען, וואָס וואָלטן מסתמא נישט געקאָנט געמאָלט זיין ביי אן איצטיקער רייזע איבער דעם נייעם פוילן. אָבער אומאָפּהענגיק דערפון באַווייזט שניידערמאַן צו דערבליקן אפילו אין יענע טראַגישע און שווערע טעג די אָנזאָגן פון דעם נייעם, וואָס ווערט אין פוילן געשאַפן, באַווייזט אויפצוכאַפּן דעם ריטם און אָטעם פון נייעם פוילן. און דאָס איז דער בעסטער אַטעסטאַט פאַר שניידערמאַנען דעם זשורנאַליסט, דעם שרייבער, וואָס איז פעאיק צו פאַרפיקסירן דעם דופק פון דער צייט.

אין זיין בוך ווידמעט ש. ל. שניידערמאַן א סך אָרט די מערב־געביטן, זייער באַדייטונג פאַר פוילן און אויך — דעם יידישן ישוב אין נידערשלעזיע. ער רעדט מיט א סך וואַרעמקייט וועגן אונדזער ישוב און דערזעט אפילו אין יענע שווערע טעג פון בהלה אויף אונדזער גאַס — די גרויסע אַנטוויקלונג־מעגלעכקייטן פון נידערשלעזישן יידישן ישוב. דאָס איז אונדז באַזונדערס ליב, מכל־שכן, אַז דאָס איז געשריבן געוואָרן מיט אָביעקטיווקייט, וואַרעמקייט און טאַלאַנט.

ש. ל. שניידערמאַנס בוך — הגם מיר קאָנען נישט מסכים זיין מיט געוויסע שטימונגען און אויספירן — איז א וויכטיקער און ערנסטער צושטייער צו דער שווערע אַרבעט פון באַקענען די יידישע וועלט מיטן אמת וועגן נייעם פוילן און וועגן באַנייטן יידישן ישוב.

אַלס 26סטער באַנד פון דער ביכער־סעריע איז דערשינען „מגילת פוילן" (תורה, חסידות און שטייגער־קולטור אין יידישן פוילן) פון לעאָ פינקעלשטיין.

דאָס איז א זאַמלונג פון עסייען וועגן דער געשיכטע פון יידן אין

פוילן און באַטראַכטונגען וועגן דער ראָל פון יידישע שרייבער, לערער, קולטור־טוער ביי דעם ווידעראויפבוי פון יידישן לעבן.

די אַלע אַרבעטן פון דעם חשובן שריפטשטעלער און געזעלשאַפטלעכן טוער זענען שוין אין זייער צייט געווען געדרוקט אין אונדזער פּרעסע (בעיקר אין „נייעם לעבן"), זיי זענען דעריבער פאַר דעם יידישן לייענער אין פוילן נישט קיין נייעס.

דאָס אַרויסגעבן די דאָזיקע אַרבעטן אין א בוך־פאָרם האָט אָבער א גרויסע באַדייטונג — אין דער ערשטער ריי פאַר דעם יידישן לייענער אין אויסלאַנד — ווייל עס גיט אים אַ היסטאָריאָזאָפישן איבערבליק איבער טויזנט יאָר יידיש לעבן אין פוילן און באַרירט אויך געוויסע פּראָבלעמען פון אונדזער קעגנוואַרט — אין גייסט פון גלויבן און צוגעבונדנקייט צום ווידערגעבוירענעם יידישן לעבן אין פוילן.

ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז דאָס בוך פינקלט ממש מיט לעאַ פינקעלשטיינס גרויסער ערודיציע און וואַרעמט מיטן הייסן אָטעם פון זיין סטיל און געזעלשאַפטלעכן טעמפּעראַמענט.

אויב מיר ווילן נאָך צוגעבן, אַז דאָס בוך איז רייך אילוסטרירט מיט ווערטפולע רעפּראָדוקציעס, וועט שוין זיין איבעריק צו אונטערשרייבן, אַז „מגילת פוילן" איז א צירונג פאַר יעדער יידישער געזעלשאַפטלעכער און פּריוואַטער ביבליאָטעק.

באָרווין־פּרענקעל שרייבט וועגן חיים גראַדעס בוך לידער „פּליטים"

(„אונדזער שטימע", פאַריז, 1טן מערץ 1948):

דאָס בוך לידער פון פּאָעט חיים גראַדע איז געשאַפן געוואָרן דורך אים אויף זיין גורלדיקער וואַנדערונג דורך די פינסטערע יאָרן פון דער יידישער פאַרניכטונג...

און גרויס איז פאַר אונדז די פּאָעטישע אַנטפּלעקונג. ווען מען לייענט ביז צום דנאָ חיים גראַדעס „פּליטים"־לידער, לויכט פאַר אונדז, ווי א זוניקער אמת, די אומענדלעכקייט פון אונדזער גאָלדענער קייט... אין זיינע אָדעם צו דער זון, ווירבלט און בעט זיך אויס זיין פּאָעטישער און נאַציאָנאַלער תמצית די לויטערע, טויאיקע פּאָעטישע פאָדערונג.

„ברעך אונדז אַרויס פון דער נאַכט,
ווי פון אייז,
און לויכט אין מיין הארץ ווי אין
טויאיקן טראָפּן".

„ברעך אונדז אַרויס פון דער נאַכט", אונדז אַלעמען... „און לויכט אין מיין הארץ"... אין זיין אייגן האַרץ... פאַרוואָס? אויב אין פלוג איז דאָ אין דער פּאָעטישער תפילה א „גראַמאַטיקאַלישע" און אידעאישע סתירה, איז אָבער אין איינקלאַנג איר טיפער זין: סיי דער פּאָעטישער

און סיי דער נאַציאָנאַל־מענטשלע־
כער.

דער פּאָעט, ווי דער וואָרטזאָגער פון א פאָלק, בעט פאַר אלעמען, אז די באַרעמהערציקע זון זאָל זיי באַ־פרייען פון די קאַלטע נאַכט־קלאַ־מערן, אָבער ער פילט, ער אנט, אז די ליכטיקייט וועט נישט ביי אלע־מען האָבן א דויערהאַפטן תיקון... ווייל נישט אלע זענען זוכה צו באַ־וואַכן אין זיך אויף לאַנג א זוניקן שטראַל...

חיים גראַדע האָט עס אָבער יאָ באַוויזן. און דערפאַר זינגט אין אים א לויטערער פערז, אז אייביגע אוראַלטע בענקשאַפט, ווען ער ווענדט זיך צו דער זון:

פרייהייט — אָן זון, דו מיין
גילדענער שיין,
די וועלט די פאַרנאַכטיקע וואָרט
אויף דיין לעצטן גענאָד,
איידער דו גייסט אונטער אין דיין
היכל אריין,
אַנטפּלעק אונדז דעם סוד — דעם
אָפענעם גליאיקן סוד
פון דיין זיין"...

אויב נישט אלע פון די פּליטים־פּאָעטן האָבן דערהערט דעם „גלי־איקן סוד" — חיים גראַדע האָט אים דערהערט און ער אַנטפּלעקט אונדז אין זיינע נע־ונד־לידער פון א זוכע־, דעם איניקסטן ציטער, דעם טיפסטן רעפלעקס פון דער פּאָעט־שער עמ־פּינדלעכקייט.

און ווי אבסטראַקט און התבו־דדותדיק זיין פּאָעטישע וויזיע זאָל נישט זיין, איז זי דאָך טיף פאַר־אַנקערט אין אונדזער רוי־ערד. און אין זיין פּאָעטישער פּליטים־וואַנדע־רונג שפּאַרט ער זיך אָן אויף דעם „ווייטן אשכּאַבאַד", אויפן „טאַ־דזשיקיסטאַנער הארבסט" און אויף א „פאַרשטיינערטן כּפינקס"...

דערפאַר איז ער אין זיין פּאָעטי־שער אומענדלעכער בענקשאַפט אזוי טיף פאַראַנקערט מיט דער ווירקלעכ־קייט, מיט די אקטועלקייטן פון טאָג, פון צופעליקן הארץ־פיין, מיטן ער־דישן נאַציאָנאַלן טראַגיזם.

אָבער נישט בלויז זיין נאַציאָנאַ־לער אייביקער יסוד, זיין אידעאָלאָ־גישע, אָדער פילאָזאָפישע קאָנצעפּ־ציע, ווירקט אויף אונדז, נאָר דער־עיקר זיין פאָרם, דאָס קינסטלערישע וואָרט, דער אייגנאַרטיקער ריטם, די וויזועלע ווערטפולקייט פון זיין אי־מאַזש, דער טיפער געפיל און ריטם פאַר דער פאָרם, פאַר דער רייכקייט און הארמאָנישער דערגענצונג פון

חיים גראַדע

וואָרט. א נייער פּאָעטישער ריטם, אַן אייגנאַרטיקע ווערטפולקייט און טי־פע וויזיע, ברענגט אריין חיים גראַ־דע אין דער יידישער דיכטונג.

ווען איך וואָלט וועלן אייניפּאַסן אין א מאָטאָ, קאָנדענסירן אין א פערז חיים גראַדעס פּאָעטישע וויזיע, קען איך אויפמאַכן א וואָסער עס זאָל נישט זיין בלעטל פון זיין בוך „פּליטים" און ארויסנעמען פון ער־שטן בעסטן ליד זיין „קרעדאָ" — דעם „מענטשן": „ווען איך האָב דעם מענטשן אויף מיין וואַנדער געטראָפן, דערפרייט האָט מיין הארץ זיך מיט אים". די צוויי שורות געפינען זיך אין בוך „פּליטים", אין ליד „די זון — און דער מענטש אויף זיין וואַנדער". אָבער אין דעם זעלבן ליד געפינט זיך אויך:

מְשוגע בין איך פון מיין ליבשאפט
צום מענטש, —
פון עקל צו אים בין איך קראנק...
מיין הארץ גייט אים נאָך בלינד
און בענטשט,
נאָר עס לויכט אים אדורך מיין
גערדאנק"...

און ער זעט אים, ער זעט אים דורך און דורך, נישט בלויז דעם מענטש, וואָס ער טרעפט אויף זיין וואנדער־וועג, נאָר זיך אליין. עס איז גענוג, אז ער זאָל אריינקוקן אין שפיגל און ער דערזעט אין אים אן אנדער פנים (אין ליד „די צוויי פנימער"), צי אין פּאטעטישן ליד „מאַן און ווייב":

„איך האָב זיך שטום אוועקגע־
דרייט... מיין טויב די שטילע
האָב איך פארלאָזט... נאָר מיר
העלפט אויך נישט קיין מחילה,
ווייל נישט פאריכטן קען איך שוין
מיין זינד"...

דאָס זען זיך, איבעראל, דאָס דירעקטע איבערגעבן זיך אין מאָלערישן פערז און דראַמאַטישן ליד אין אלע פאזן פון זיין שאַפונגס־פּראָצעס, אויף אלע אומוועגן פון זיין גלות־וואנדערונג, דאָס איז כאראקטעריסטיש פאר חיים גראדע.

אָט די פּיינפולע צעגלידערונג, דער מין דואַליזם, וואָס איז אין א גרויסער מאָס דער באַשטאַנד־טייל פון דער יידישער נשמה, קומט אין א בולטער פאָרם צום אויסדרוק אין די „פּליטים"־לידער.

און אויב איך לאָז מיך אריין אין אזא טרוקענעם אַנאַליז וועגן א דיכטער, איז עס אין א גרויסער מאָס דערפאר, ווייל די יידישע דיכטונג בכלל און גראדעס בפרט איז נישט בלויז „דיכטונג לשם דיכטונג" נאָר זי איז דורכגעדרונגען מיט געדאנקען, אידייען און גורלדיקע פּראָבלעמען, און דערפאר קומט אוים צו „דערגיין" אין זיי דעם תוך... נישט דערפאר, ווייל דער „תוך" אין די לידער איז דער וויכטיקסטער עלעמענט, נאָר ווייל דער „תוך" ווערט ערשט דאן וויכטיק און רעכטפערטיקט זיך, ווען ער באקומט זיין דערגענצונג אין דער שלימותדיקער פאָרם. זיין וואָרט אנטהאלט דעם אויפריכטיקן פּאַטאָס; זיין אימאַזש און מעטאַפאָרע דעם ווערטפולן עקספּרעסיוו־ ווואלענט און דערעיקר די אייגנארטיקע דיכטערישע וויזיע, און אלץ גיסט זיך צונויף אין איין האַרמאָנישער גאנצקייט. דאָס געפינט מען ליידער נישט אָפט אין דער יידישער מאָדערנער דיכטונג, ווייל עס פעלט אין איר, אין א גרויסער מאָס, דער גלייכגעוויכט, די אידעאל האַרמאָניע צווישן פאָרם און אינהאלט. זייער אָפט לעבט איין עלעמענט אויפן חשבון פון צווייטן. עס וואָלט אפשר לייכטער געווען אויפצוקלעפּן א פּארטיקן עטיקעט אויף גראדעס דיכטונג, און זי אָנרופן „סאָציאלע" דיכטונג, צי „מתחבישע" (אַנגאַזשע), צי „נאַציאָנאלע" דיכטונג (ווי איר זעט וועלן נישט פעלן קיין עפּיטעטן!), נאָר איך גראד וועל זיך אויסוויילן א פּראָסט־פּשוטע באַצייכענונג: „די גראדישע דיכטונג"... ווייל זי נעמט ארום די אלע אויסגעצייכנטע טערמינען און באַגריפן, ווייל זי ברענגט אריין א ניי וואָרט, א נייעם פּאָעטישן אקצענט און סטיל אין דער יידישער דיכטונג.

ווען מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויפן נאַציאָנאלן עלעמענט ביי גראדען, זעען מיר, אז דער נאַציאָנאלער מאָטיוו גייט זיך זיין אייגענעם וועג, ווייל דאָס נאַציאָנאלע יידישע אין אים איז אָנגעזאמלט פון דורות לאנג, און אָט האָט עס א שפּאר געטון מיט א וויזיאָנערער קראַפט און מיט א נייעם וואריאַנט פון ביבלישן פּאַטאָס און גורלדיקייט: די דורות לאנגע בענקשאפט. דער גאנצער מהות, די טיפע אינטואיציע פון א געיאָגטן און געפּלאָגטן פאָלק אַנטפּלעקט זיך פאר אים נאָך פאר דעם שטורעם. די טראַגעדיע ווערט נישט פאר אים ווי אן אָנרעגער פאר קינדער־לידער און איכה־מאָטיוון, נאָר זי איז דאָ אין אים נאָך פאר איר בלוטיקן געבורט. ער אנט, ער פילט

מיט דעם חוש, וואָס מען וואָלט אין אַנדערע צייטן אָנגערופן נביאיש, אַז דער מבול קומט, ער איז נאָענט...

„אָ, פאַרשווענק אונדז נישט גאַרעוו" — ספּאַזמירט זיין ליד אין זיינע „פאַרוואַקסענע וועגן". דערפאַר איז אמתדיק זיין וואָרט אין דעם ליד דער „נביא" אין בוך „פליטים":

„ווען ס'האָט די זון געשפּילט
אויף אַלע פּנימער,
האָב איך פאָראויס געפילט
— ברידער, א שטורעם גייט!
נאַכט וועט און פינסטער זיין,
זייט איר צום שטורעם גרייט?"
גלויבן מיר אים...

און ווען דער שטורעם איז אויסגעבראָכן מיט זיין צאָרנדיקער און אומברחמנותדיקער ווילדקייט, און כמעט אַלץ און אַלעמען פאַרטיליקט, וויינט אויס זיין יידישער און מענטשלעכער צער גאָר אַנדערע לידער. דאָס זענען נישט קיין קינא־לידער, זיינע לידער זענען נישט געבערט פון די פלאַמען פון טרעבלינקע אָדער אַשוויענטשים, זיין פּיין און צער איז נישט מסוגל אויסצוּוויטיקן דעם מוראדיקן תהום פון זעקס מיליאָן אין א פּאָעטישן פערז, נאָר זיין יידיש מענטשלעך ליד דריקט אויס די פאַרשטאַרטע בענקשאַפט פון די טויטע אויגן פון א פרוי, בעת די יוגנט לאָקט איר פאָרט, און מיר אָנען אין א ברוכטייל פון א מענטשלעכער עמפּינדונגס־מעגלעכקייט דעם טיפן אָפּגרונט פון בלוטיקן פאַרשניט... דער מוראדיקער געראַנגל, די טיפע טראַגעדיע וואָס איז פאַראַן אין יעטווידן אַנטרונענעם קומט עס שמערצהאַפטיק בולט צום אויסדרוק אין קאַפּיטל לידער „מיט דיין גוף אויף מיינע הענט". דער רוב האָט עס פאַרשוויגן, דער רוב האָט עס נישט דערפילט:

„פאַרשאָלטן בין איך
זינט איך האָב דיך פאַרלאָזן"...

אַלע, אַלע, מיט געבויגענע קעפּ זענען זיי געגאַנגען אין די ווייטע און ווייסע מרחקים מיט זייער „דערמאָרדעטן מלאך אין זייערע אויגן". גראַדע האָט זייער ווייטיקלעכע ליבע אויסגעזונגען, זייער אומדערפּינירבאַרן צער און באַשווערטן געוויסן מיט אַן אומשולדיקן חטא אויסדערציילט, אין די לידער פול מיט „צווייפל":

„דו ווייסט נישט, מיין האַרץ,
ווער זשע ווער
ווייסט פּאָרט?"

מוראדיקער איינזאַמער געשריי פון א צעבלוטיקט האַרץ... וואָס טרייסט זיך מיט אַן אילוזיע, מיט א פּאָעטישן ליגן, א דאַנק וועלכן ער לעבט... און זי אויך, זאָל כאָטש זיין אין די „גאַרדינען":

„עס שפּילן אויפן פענסטער די
גאַרדינען,
און ווי א זילבער־שפּיגל שאָטענען
זיי אָפּ"...

און ווייטער דערציילט דער דיכטער וועגן דעם שיכור פון די בלאַנקע אָרעמס, וואָס שיסן פון איר לייב, וועלכע פאַרשיכורן אים.

אָבער אויף די גאַרדינען פון דער שטוב, פול מיט נייער תאווה און לעבנס־פאַרגעסונג, צאַפּלט זיך אויף די גאַרדינען זיין קאַלטער שווידער:

„א רגע — און ס'גייט אויס דער
שטומער צאַפּל,
שוין ווידער שפּילט אויף ווענט פון
צימער — שאָטן־שיין,
נאָר פון גאַרדין פאַרוועבטע צוויי
שוואַרצאַפּל,
ווי דורך א שלייער — קוקן אין
מיין שטוב אַריין".

✡

אין דער כמעט נאַטירלעכער וויזיע, ווי דער פינקל פון א גילאָטין־מעסער, איז פאַרקערפּערט די היינטצייטיקע טראַגיק פון די וואָס לעבן ווייטער מיט דעם אָפּקלאַנג פון אַמאָל.

דערפאַר זענען חיים גראַדעס לידער אין אונדזער נאָכמלחמהדיקער פּאָעטיק ווי א דערפרישנדיקער קוואַל, וואָס קען באַפרוכפּערן א פאַרברענטע ערד, און לאָזט אונדז פּאָראויסזען א נייע פּאָעטישע ערע אין אונדזער ליטעראַטור.

דאָס בוך האָט זיך געענדיקט דרוקן
דעם 18טן יוני 1948 אין דער
דרוקעריי „היימאַן" — פּאַסטעור 333
טעלעפאָן 47־7752 — בועניאָס איירעס

Este libro terminóse de imprimir
el día 18 de Junio de 1948 en
los Talleres Gráficos HEUMAN
Pasteur 333 - T. A. 47-7752 - Bs. As.